STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01637

RONDOS

A. Glanz-Leyeless

Permanent preservation of this book was made possible
by Ben Cardozo
in memory of
Morris & Sylvia Gross

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. לעיעלעס

ראַנדאָם

און אַנדערע לידער

פאַרלאַג
„אינזיך“
ניו־יאָרק, 1926

Copyright
by
A. GLANZ
1926

געדרוקט אין טריא פרעס

אינהאַלט

ראַנדאָס 7
טריאָלעטן 20
טערצינען 25
באַלאַדע 26
ווילאַנעל פון מיסטישן ציקל 27
ווילאַנעל פון שטענדיקן באַגלייטער 28
שאַנסאָן 29
„באַלאַד פראָוואַנסאַל“ 30
„באַלאַד פראָוואַנסאַל“ 32
שוואַרץ צו גאָלד פאַרגייט 33
וואָל־סטריט 36
מאַנהעטן־בריק 38
אין סאָבוויי (1) 40
אין סאָבוויי (2) 42
אין סאָבוויי (3) 45
אין סאָבוויי (4) 46
מעדיסאָן סקווער 47
די פלאַזאַ 52
אויף בראָדוויי 54
עפּעמערא 55
הערבסט (סאָנעטן־קראַנץ) 60
בלעטער 75

שאַטנס 76
עטיוד 77
ליאָנעסא 78
שניי 79
שטורעמס און טורעמס 80
לאָרעליי 81
פעברואַר־נאַכט 82
ווייס און בלוי 83
נאָוועמבער 84
פּאָרטרעט 86
סימעטריע 88
זיכרוינעס 90
דער צייכן 91
אין ווייסן ליכט 92
אימאָביל 94
איך קום פון אַביסיניע 95
די זון פאַלט שנעל 96
צו איינער וואָס איז אַוועק 97
האָט געזאָגט... 98
ווייס־אייזיקע זונען 100
דער באַרג 103
פאַביוס לינד 127

פאַניע'ן

ראַנדאָס

I

איך גלויב ניט אין קיין צייט, איך לייקן אָפּ דעם ליגן.
מיין אָוואַר איז נאָך דאָ. און ערגעץ אויף די שטיגן
פון גרעניצלאָזן רוים'ס פּאַלאַצן שטייט נאָך איצט
דאָס וויגל פון מיין קינדהייט, און מיין יוגנט קריצט
נאָך היינט אוזאָרן פון מאַפּאָלעס און פון זיגן.

עס קרייזט דער ציקל פון מיין לעבן און עס שפּריצט
אין פאַרביקן געמיש: געפאַלן און געשטיגן.
נאָר ס'איז אַלץ איינס, פאַנטאָמען ראַנגלען זיך און קריגן.
איך גלויב ניט אין קיין צייט.

און אַלץ איז — ציטער-טענער פון איין קאָסמאָס-ניגן.
דער בלינדער קאָן מיט איין וויבראַציע זיך פאַרוויגן,
דער זעער דרינגט אין פלאַם, וואו העל דער איינסאָף בליצט.
און יונג איז אונזער פרייד, אויף אייביקייט געשטיצט,
כאָטש הינטער אונז שוין לאַנגע, רונדע יאָרן ליגן.
איך גלויב ניט אין קיין צייט.

II

איך וויל דערגיין צום קוואַל, און דאָ מיין איך אַנטפּלעקן.
ווער ס'לייטערט זיך — איז מוידע זיך, און כ'וויל איצט וועקן
פון וויגל, און נאָך פריער, יאָר נאָך יאָר און טאָג,
ווי ס'טוט ביים גאַנגעס-טייך דער ליכט-באַרוישטער יאָג —
וויל איך די אויגן פון דעם עמעס ניט פאַרדעקן.

צוריק צום אָנהויב. ס'איז דאָס לעבן ניט קיין ראָג,
וואָס הינטער אים דער צופאַל שטייט מיט פולן בעקן
און גיסט פון דאָרטן — דאָ מיט פרייד און דאָ מיט שרעקן.
איך וויל דערגיין צום קוואַל.

איך ברענג אַ טאָוול דיר, באַשפּרינקלט פול מיט פלעקן.
איך וויל פון איר קיין שטריך, קיין פּינטל ניט פאַרמעקן.
אָט זענען די צוויי שאָלן פון מיין לעבנ'ס וואָג.
אַראָפּ ציט איינע, צווייטע פליט אַרויף, און כ'זאָג:
צו דיר נאָך מיט-פאַרשטענדניש מיינע הענט זיך שטרעקן.
איך וויל דערגיין צום קוואַל.

III

איך רעד פון דיר און מיר. איך רעד פון צייטן שווערע.
פון שטרויכל און פון פאַל, פון שטרעבנס עפּעמערע.
און כ׳רעד פון שטרעבנס גרויסע, פון אַ טיפן דראַנג,
וואָס גייט אין הארצן אויף, ווי ס׳וואַקסט די פולע זאַנג
און טריקנט אוים אין פעלד די אַנדערע, די לערע.

אַ טרוים גליט אין מיין האַרץ, אַ גאָלדענער פאַרלאַנג,
וואָס קומט ווי פון דער ווייט, פון גאָר אַן אַנדער ספערע,
און קומט ווי ס׳גוטע וואָרט פון אַ געבענשטער לערע.
איך רעד פון דיר און מיר.

נאָר ס׳וואָרט מוז ראַנגלען זיך מיט שטערונג און באַריערע.
עס גאַנוועט זיך דורך שטעגן קרומע, שטעגן קווערע.
עס ווערט פאַרהילכט פון שטימען אַנדערע, וואָס זייער קלאַנג
איז אויסער מיר און אַלט שוין עפּשער דוירעס לאַנג.
דאָס עפּטסטע ליד מיינס איז דאָס ליד פון מיזערערע.
איך רעד פון דיר און מיר.

IV

מיין קלאַן איז יוסט און פעסט, און מיינע זיידעס שטאַמען
פון פוילין, דאָרט געוואַקסן, ווי אין דעמבן־ראַמען,
פאַרוואָרצלט טיף, ווי דעמבעס, און ווי זיי געגרינט.
געגרינט מיט לעבנס־קראַפט, מיט זאַפט פון זון און ווינט.
מיט לוסט פון איינגעצאַמטע און געזונטע פלאַמען.

עס האָט מיין עלטער־זיידע ניט פאַרקנאַסט זיך בלינד.
האָט שמיץ געכאַפּט, — און פאָרט געקריגן ביי זיין מאַמען
אַ ווייב אַ שעהנס. אַניט — געסטראַשעט זיך צו סאַמען.
מיין קלאַן איז יוסט און פעסט.

מיין זיידע האָט קיין וואָרט געהערט פון האַרצנסדאַמען.
נאָר אין זיין קופערט, דעם פאַרצייטיקן, געראַמען
האָט מען געפונען נאָך זיין טויט — אָ גרייז־גרוי קינד!
דער באָבעס הויבן צוויי, פאַרשנורט אין זיידנ־בינד,
מיט די פאָרטרעטן פון די איניקלאַך צוזאַמען.
מיין קלאַן איז יוסט און פעסט.

V

די שטים פון דוירעם רופט, ווען ס׳טראָגט מיין זעל זיך איבער
צום טאַטן. בלאָנד איז אים פון אַלע פאַרבן ליבער.
און ווען ס׳וואָלט גאָלד געשפּילט, לויט מאַמעס פאַרב און בילד
אויף זיינע פיר זינם ווייבערס קעפּ, וואָלט ער געפילט:
דער ליבעס פּאָנים ווערט באַלייכטן זייערע שטיבער.

דעם טאַטנס טריישאַפט! קלאָרער, שטילער קוואַל, וואָס קילט
מיט ריינעם אָטעם ס׳הייסע קופּער פון מיין פיבער.
געלייטערט ליכט, וואָס איז צו אונז אין האַרץ אַריבער.
די שטים פון דוירעם רופט.

דער מאַמעס שטאַם איז גאָר פון אַנדערן קאַליבער.
מער קאַזאַנאָוואַס (אָן סאַנקט-מאַרק און ווייט פון טיבער).
היים בלוט. פאַרנעם. נאַטורן קיינמאָל ניט געשטילט,
און צו די ווייבער עפּטער אייפערדיק ווי מילד.
אַ לאַנג-געדרייטער וועג, מיט טורעמס און מיט גריבער.
די שטים פון דוירעם רופט.

VI

עס ברויזט געמיש פון בלוט און הערט ניט אויף צו שטערן
מיין גלייכגעוויכט, אַ וויפיל רופן און באַגערן!
נאָר איך בין איך. כ׳בין פון מיין קלאַן די פיינסטע פלאַנץ,
זיין צווייט עקזאָטישער, עסענץ פון זיין פראַגראַנץ.
איך מוז זיך ראַנגלען, נאָר דער זיג מוז מיר געהערן

דער קאַמף איז ניט מיט שאָטנס, ניט קיין טויטן־טאַנץ.
כ׳מוז ראַנגלען זיך מיט זיך, ביז ס׳וועט זיך הויך דערהערן
מיין שטים, מיין אייגענע, און יענע דאַן פארצערן.
עס ברויזט געמיש פון בלוט.

מיין שטים, מיין אייגענע! אַ זאָל מיר גאָט באַשערן
די ווייטע, העלע גאָלד־זוימען אין זיך צו מערן,
וואָס קומען פון דעם שטאַרקסטן, בלענדנדיקסטן גלאַנץ,
וואָס וואַרפן אין עקסטאַז פון שטילן, ווייסן טראַנס,
און זייער שליכעס איז: פאַרוואַנדלען און באַקערן.
עס ברויזט געמיש פון בלוט.

VII

פאַראַן אַ וואונדערליכט, דאָס האַרץ פון אָרעאָלן.
עס שפּרייטן זיך פון אים אין גרעניצלאָזע צאָלן
אַרטעריעס־שטראַלן איבער גאַנצער, גאָרער וועלט.
און וואו די שטראַלן גרייכן, דאָרט ווערט אויפגעהעלט,
דאָרט לויכט עס מיט דעם בליאַסק פון זוניקע קופּאָלן.

און וואו עס גרייכט קיין שטראַל שוין ניט — אין יענער קעלט
פאַלט ווענינגסטנס אַ פונק, וואָס איז גענוג צו מאָלן,
צו צינדן אָפּשיינען פון קאָנען און פון זאָלן.
פאַראַן אַ וואונדערליכט.

מיין קלאַן האָט מיר אויף ערדענע און קאַרגע שאָלן
געלאָזט אַן אַרב פון פונקען, כ׳מוז פאַר זיי באַצאָלן.
אויך האָט אַ וואָגל־שטראַל אויף מיר זיך אָפּגעשטעלט,
און מאָנט: לייז אוים, באַזין, מיין בלאָנדזשעניש פאַרגעלט.
און כ׳גיי — צום העכסטן פייער דורך די טיפסטע טאָלן.
פאַראַן אַ וואונדערליכט.

VIII

א סאָד איז יעדער בונד, אַן אָפּגעטײלטער ציגל
פֿון אַ געביי וואָס טראָגט פֿון גאָט אַליין דעם זיגל.
עס איז דער זין פֿון סאָד פֿאַרהוילן, נאָר זיין קראַפֿט
ווייס ניט קיין שווינונג, האַלט דעם מענש געשקלאַפֿט,
און ברעכט אים דורך, ווי ס'ברעכט דעם שטראַל דער ראַנד פֿון שפּיגל.

שטייט אַן אַלכעמיקער אַ מיסטעריעזער, שאַפֿט,
און מישט אין רויטן שיין, אין אַ געהיימען טיגל,
און זאָגט אַ שפּרוך, באַהאַלטן הינטער שלאָס און ריגל.
א סאָד איז יעדער בונד.

אַזוי ווערט אויך געמישט, אי פֿאַר אי נאָך דעם וויגל,
דעם מענטשנס שיקזאַל. איינעם'ס איז אַ גינגאָלד-קריגל,
אַלאַי — דעם צווייטנס. ס'מישן האָט אַ מיין און האַפֿט.
נאָר וויל! צעברעך ס'געפֿעס, צעגיס דעם פֿאַלשן זאַפֿט,
און הער דעם רויש פֿון גאָט'ס צעשפּרייטע פֿליגל.
א סאָד איז יעדער בונד.

IX

עס האָט דער ציל געהעלט געהיים און אומפאַרשטענדיק.
אויף אַלע שאָטן-טרעפּן האָט פון ווינקל שטענדיק
דאָס עמעסדיקע וואָרט געבליצט און זיך געהערט.
כ׳האָב אויבן דיך געזען, כאָטש איך האָב אויף דער ערד
געוואַלגערט זיך אין שטויב, צעברעקלט זיך פאַרשווענדיק.

האָב איך געצאָלט דאָן מאָס דעם וואָרצל, וועלכער נערט
מיין שטאָם פון דורעס אָן, דעם שטאָם, וואָס איך פאַרענדיק?
צו דיר קום איך צוריק, כאָטש כ׳קום זיגזאַגנ-ווענדיק.
עס האָט דער ציל געהעלט.

דעם ראַנגל זעט ניט קיינער. בלויז באַשייד איז קענטיק.
ווי אָפט האָב איך געוואָלט, אָן שוינונג, אייגנהענטיק
אַרויסרייסן מיין האַרץ, אַז דו זאָלסט אומגעשטערט
דערזען, וואָס ס׳האָט מיין זעל פון אייביק אָן באַגערט.
און גלויב! די וואָרע זאָט גייט אויף באַלד ריין און בלענדיק.
עס האָט דער ציל געהעלט.

X

אַן אַנדער שיין האָסטו אין מײַנע ליכט־אוזאָרן
אַרײַנגעװעבט. װײַט מיר, און װײַט מײַן אור־זיקאָרן.
אַן אַנדער ערד און אויך אַן אַנדער פירמאַמענט.
ס'האָט שוין מיט שיין געקעמפּט און שיין האָט שוין געברענט
אַ װיפיל דעמערונגען, װיפיל אויך אויראָרן!

נאָר ס'איז דאָס װאונדערליכט געװען אויף אונז געװענדט.
װאָס װײַטער האָסט געשײַנט — אַלץ נענטער מיר געװאָרן,
און נענטער, נענטער אַלץ אין לויף פון דרײַצן יאָרן.
אַן אַנדער שיין האָסטו.

װער װײס, באַנעמט דעם סאָד דעם פּאָרכטיקן פון פּאָרן?
װײַט בענקט נאָך װײַט און ערגעץ שאַלט אַ האָרן,
װאָס רופט און שליסט צענויף די װײַטסטע הענט.
און װען אַזוינס געשעט, װערט װידער אויפגעבלענדט
דער פלאַם, װאָס ברענט װי יענער מידבאַרדיקער דאָרן.
אַן אַנדער שיין האָסטו.

XI

קיין צופאַל איז ניטאָ און קיינמאָל ניט פאַראַנען,
און אַלץ וואָס קומט צו אונז, מיר ווייסן ניט פונוואַנען,
האָט זיין אַזוי געמוזט און אַנדערש ניט געקאָנט.
ס׳האָט ניט קאַפּריז געטריבן בלינד און אומגעאָנט
אין איין אָרביטע אונזערע פאַרווירטע באַנען.

פון יעדן הארצן רייסט זיך אין איין בוש און מאָנט
אַ קנויל פון ווילנס פיל. בלויז איינער איז אַנטשטאַנען
פון אינערליכן קוואַל. בלויז דער קאָן ניט פאַרוויאַנען.
קיין צופאַל איז ניטאָ.

און יענע פרעמדע ווילנס זיינען די טומאַנען,
דורך וועלכע ס׳ליטערט זיך אויף גאָלדנע פייער־פאַנען
דער איינער. ס׳האָט דורך אַלע נעפּלען הויך געטאָנט
דיין רוף, ווי ס׳העלט דורך רויך דער קלאָרער האָריזאָנט.
און כ׳ווייס: דו האָסט פאַרגעבן, ווייל דו האָסט פאַרשטאַנען.
קיין צופאַל איז ניטאָ.

XII

און יונג גרינט אונזער בוים, כאָטש ס׳זענען מאַנכע בלעטער
פון אים אַראָפּ אין שוים פון טריבן, כמורן וועטער.
און קלאָר איז אונזער וועג און לויטער אונזער ציל.
מיר גייען איצט אויף אים, באַהעלט און פריידיק־שטיל.
עס איז שוין הינטער אונז דאָס בלאָנדזשנדע געקלעטער.

דאָס לעבן איז פיל ערנסטער, ווי פאַרבן־שפּיל.
און אונזער הויז איז איצט דאָס הויז פון מידע בעטער,
וואָס ענדליך האָבן זיי דערזען דאָס ליכט — דעם רעטער.
און יונג גרינט אונזער בוים.

ניט שרעקן זאָלן אונז די שאָטנס פון דעם שפּעטער.
די שרעק הויזט בלויז ביי דעם, וואָס איז צו זיך פאַררעטער.
און אונזער פרייד איז יונג, ווייל אייביק, אימאָביל
איז ס׳ליכט פון אונזער אויסגעלייטערטן געפיל.
מיט אים באַזיגן מיר אי צייט אי טויט ווי געטער.
און יונג גרינט אונזער בוים.

XIII

באַזיגן צייט און טויט! און פון דער וועלט דער רויער
אַרויסרייסן דעם זין, וואָס איז פאַרהילט אין טרויער.
ניין, ניט אַרויסרייסן. דערגיין באַרואיקט, העל,
און אָננעמען פאַר ליב די שטיינער פאַר דער שוועל.
אין אונז אַליין דער וועג, און מיר אַליין די בויער.

עס לייטערט זיך ס'געמיט. פאַרטרויליך וואַרט די זעל.
און ס'ווערן ניט — פאַרדאַכט און מוירע און באַדויער.
עס שפּרייט זיך באַלד פונאַנדער דער טומאַן, דער גרויער.
באַזיגן צייט און טויט!

אין אונז אַליין די ווייט, דער רוים, דער גאָלדיק-בלויער,
וואו ס'האָט קיין שליטע ניט דער צייטס געהיימע לויער.
ניטאָ קיין צייט, ווייל אייביק אַלץ און אימאַרטעל.
און דאָ איז אַלץ. זע — ס'עפנט זיך דורך וואַנט און צעל
דער זעליק-וואַרטנדיקער, גאָט-באַגולטער טויער.
באַזיגן צייט און טויט!

ניו-יאָרק, יאַנואַר, 1924.

טריאָלעטן

I

וואונדער גרויסער אין אַ קליינעם פורעם,
כ׳בויג אַ דאַנקבאַרער פאַר דיר מיין קאָפּ.
זאָגט דער עמעס, וואָס אין העכסטן טורעם —
„וואונדער גרויסער אין אַ קליינעם פורעם —
מיין ביזטו. איך מייד, ווי דו, דעם שטורעם,
און איך נידער אויך פאַרשעמט אַראָפּ“.
וואונדער גרויסער אין אַ קליינעם פורעם,
כ׳בויג אַ דאַנקבאַרער פאַר דיר מיין קאָפּ.

II

קומט אַ צייכן, רופט אַ שטים אַ שטילע,
ווי די טרייסט דורך אַ פאַרשפּאַרטע טיר,
ווילסטו קניען, שטייגט פון האַרץ אַ טפילע.
קומט אַ צייכן, רופט אַ שטים אַ שטילע,
פאַלט אַראָפּ דעם צווייפל׳ס גרויע הילע.
גראָד ווען פינסטער פאַלט די זאָרג אויף דיר,
קומט אַ צייכן, רופט אַ שטים אַ שטילע,
ווי די טרייסט דורך אַ פאַרשפּאַרטער טיר.

III

ברייטע וועגן, ווייט־געשפּרייטע שטרעקן,
גרינג צו שפּילן דאָרט מיט שטיין און ליים.
נאָר דעם זוכער אין די טיפן — שרעקן
ברייטע וועגן, ווייט־געשפּרייטע שטרעקן.
ס׳קומט די נאַכט צום שטעג איר סאָד אַנטפּלעקן.
בלויז די פלאַכקייט זוכט זיך פאַר איר היים
ברייטע וועגן, ווייט־געשפּרייטע שטרעקן, —
גרינג צו שפּילן דאָרט מיט שטיין און ליים.

IV

די געהיימע פרייד — עס מוז איר היטער
אויף איר ווארטן שאַ און טאָג און וואָך.
ס׳לעשט זיך, שרעקט זיך פון דעם מינדסטן ציטער
די געהיימע פרייד. עס מוז איר היטער
וואכיק זיין, ווי דער, וואָס דורך געוויטער
הערן וויל גאָטס ווייסן פליגל-פּאָך.
די געהיימע פרייד, עס מוז איר היטער
ווארטן אויף איר שאַ און טאָג און וואָך.

V

מיט דעם גרוס פון זעגלען אויף די יאַמען,
וואָס מען ווערט אויף זיי באַזאָרגט און לאַנג,
קומט זי, צינדט אין האַרץ זי ווייסע פלאַמען.
מיט דעם גרוס פון זעגלען אויף די יאַמען
לויכט זי זעליק אויף דורך אַלע צאַמען.
עפּטער ברענג מיר, פרייד, דיין גרויס געשאַנק —
מיט דעם גרוס פון זעגלען אויף די יאַמען,
וואָס מען ווערט אויף זיי באַזאָרגט און לאַנג.

טערצינען

טונקל־בלויע רויזן פון דער ווייטער נאַכט
פאַלן אויף דעם זילבער פון מיין האַרץ, און שטאַרבן.
ס'האָט דעם טרויערס שאַרף די שיינקייט אומגעבראַכט.

לויכט די שיינקייט ווידער אויף אין טרויערס פאַרבן,
לעבן ווידער אויף די רויזן — לויטער, ווייס.
ווייסע שיינקייט זאָל די טונקל־בלויע אַרבן.

לויב איך אַלץ די שיינקייט, לויב איך זי און פרייז,
פאָלג פאַרטרויליך, וואו איר בלייכע האַנט וויל פירן.
זי וועט פירן, וואו עס העלט גאָטס שטראַלן־קרייז.

ס'קומט דורך פענסטער, ס'קומט דורך טויערן און טירן
דאָס, וואָס מוז. געבענשט ווער ס'קאָן מיט שיינקייטס קרוין
אַלע זיינע מוזן אויסלייזן און צירן.

לאָמיר שיין זיין. שיינקייט איז דער שיינקייטס לוין.

באַלאַדע

פון פאַרנט דער יאַם און פון הינטן דער יאַם,
פון אויבן דער רוף. ס׳איז דער רוף פון דעם פלאַם —
זיי זענען געגאַנגען.

אַ רעגע געשעט און אַ רעגע פאַרגייט,
פאַראַנען בלויז איין און ניטאָ שוין קיין צווייט —
זיי זענען געגאַנגען.

עס דרייט זיך אַ ראָד: ס׳איז געבאָט, צי פאַרבאָט?
אָט דאָ איז דאָס לעבן און דאָ אויך זיין סאָד —
זיי זענען געגאַנגען.

אין בליצן גייט אויף אי דער אָנהויב, אי סאָף,
און דאַן קומט דער טראַנס. (און נאָך שפּעטער—די שטראָף?)—
זיי זענען געגאַנגען.

דער וועג האָט געפירט. גראַד און איינפאַך פאַרפירט,
און ס׳האָבן דיביידע דעם רוף קלאָר געשפירט —
זיי זענען געגאַנגען.

פאַרוויט און פאַרשנייט. אַ מילעניום פאַרגייט,
דער וועג האָט געאיינט און זיי האָבן געצווייט —
זיי זענען געגאַנגען,
ניט דערגאַנגען.

ווילאַנעל פֿון מיסטישן ציקל

מיסטישער ציקל פֿון פֿינעף מאָל זיבן,
פֿינעף מיסטעריעס, אַ קרייז אין אַ קרייז.
שאָלעכץ אַוועק, און דער קערן געבליבן.

יאָרן נאָך יאָרן, אין יאָרן צעריבן.
יונג ווען אַ מאַן, ווען אַ יונגלינג אַ גרייז.
(מיסטישער ציקל פֿון פֿינעף מאָל זיבן).

זאַמדיקע וועגן מיט פֿוסטריט פֿאַרשריבן.
פֿוסטריט-זיגזאַגן. פֿאַרבלענדונג און גרייז.
שאָלעכץ אַוועק, און דער קערן געבליבן.

ראַנגל. פֿאַרלוירן. פֿאַרצווייפֿלונג געטריבן.
דאָ איז מעכיצע. פֿון איצטער אָן ווייז —
מיסטישער ציקל פֿון פֿינעף מאָל זיבן.

זאָמען פֿון העלקייט געמערט און געקליבן.
אינוועניק פֿלאַמען, פֿון דרויסן ווי אייז.
שאָלעכץ אַוועק, און דער קערן געבליבן.

העלער און העלער. אַ כעסעד פֿון ליבן.
גיין צו דעם ליכט, וואָס דערלייזט און איז ווייס —
מיסטישער ציקל פֿון פֿינעף מאָל זיבן.
שאָלעכץ אַוועק, און דער קערן געבליבן.

ווילאַנעל פון שטענדיקן באַגלייטער

רויט-אויגעדיקער דו, באַגלייטסט מיך שטענדיק,
האַלטסט אייביק וואַך, זיצסט אויבן-אָן ביי יעדן פעסט,
דו קרום-פלעק אויף דעם ליכט, וואָס רופט מיך בלענדיק.

ווינקסט זיבן-אויגיק, דרייסט זיך זיבן-לענדיק
און צינדסט אָן זיבנפאַרביק דיין געהיימע נעסט.
רויט-אויגעדיקער דו, באַגלייטסט מיך שטענדיק.

פונוואַנען קומסטו? ניין, ניט איך האָב אייגנהענטיק —
געשאַפן דיך. ניט איך געזוכט דיין סאַמען-קעסט —
דו קרום-פלעק אויף דעם ליכט, וואָס רופט מיך בלענדיק.

ביסט דער, וואָס לאַנג פאַר מיר, און ווילסט ביז סאָף, פאַרלענדיק,
מיך איינקלעמען. באַשטייסט אויף דיין ניצאָכן-זשעסט.
רויט-אויגעדיקער דו, באַגלייטסט מיך שטענדיק.

דו מערסט מיין לעבנס ביכער טויזנט-בענדיק,
און שרייבסט אין יעדן: „קנעכט צו פאַלשע געסט“,
דו קרום-פלעק אויף דעם ליכט, וואָס רופט מיך בלענדיק.

נו גוט. וואָס דיינס — צו דיר. דיין אָנהויב — איך פאַרענדיק.
דאָס לעצטע וואָרט איז מיין. (כאָטש קיינמאָל ס'האַרץ פאַרגעסט:
רויט-אויגעדיקער דו, באַגלייטסט מיך שטענדיק,
דו קרום-פלעק אויף דעם ליכט, וואָס רופט מיך בלענדיק.)

שאַנסאָן

מיר זענען געווען זאַלבעדריט.
זאַלבעדריט.
און האָבן געדאַרפט זיין בלויז צוויי.
בלויז צוויי.

דער באַרנבוים בליט, ווי אַ קאַלע.
דער עפּלבוים שטראַלט אין זיין צוויט.
מיר זענען געווען זאַלבעדריט,
און האָבן געדאַרפט זיין בלויז צוויי.

די שאָ פון נאָכמיטאָג ציט לאַנגזאַם.
די זון הענגט פאַרגלוסטיקט און מיד.
מיר זענען געווען זאַלבעדריט,
און האָבן געדאַרפט זיין בלויז צוויי.

עס קריכן פאַרנאַכטיקע שאָטנס.
אַ שטערן, אַ גלי־וואָרים גליט.
מיר זענען געווען זאַלבעדריט,
און האָבן געדאַרפט זיין בלויז צוויי.

די פינסטערניש טוליעט די מענטשן.
נאָר ס׳שיידן זיך אונזערע טריט.
מיר זענען געווען זאַלבעדריט,
און האָבן געדאַרפט זיין בלויז צוויי.

BALLADE PROVENCAL

די ווייסע טרויעריקע קעניגין
האָט געפּליקט דריי ווייסע ליליען.
איינע פאַר דעם קעניג,
איינע פאַר דעם קרוין־פּרינץ
און איינע פאַר דעם טרויעריקן אָרלאַנדאָ,
וואָס קאָן אָן איר ניט לעבן.
די ווייסע טרויעריקע קעניגין
איז געשטאַנען ביים ראַנד פון דעם באַלקאָן.
אין איר האַנט האָט זי געהאַלטן די דריי ליליען
און פון איר אויג איז גערונען
טרער נאָך טרער.
איינע איז געפאַלן אויף דעם קעניגס ליליע —
האָט די בלום זיך ראָז צעבליט.
איינע איז געפאַלן אויף דעם קרוינפּריצם ליליע —
האָט זיך די בלום צעגליט גאָלד און רויט.
און ווען די טרער האָט אַ ברי געטאָן די ליליע פון דעם טרויעריקן
אָרלאַנדאָ,

איז זי אַראָפּגעפאַלן — בלייך און טויט.
אונטן איז געשטאַנען אָרלאַנדאָ
און געציילט די רעגעס פון זיין ליליעס פאַלן.
און ווען זי האָט די ערד באַרירט
איז ער אַליין געפאַלן אויף זיין שווערד.
עס האָט די שאַרף פאַרנומען נאָך
דער טרויעריקער קעניגינס נאָמען.

און אויבן איז די קעניגין געוואָרן נאָך ווייסער, נאָך טרויעריקער.
קיינער האָט ניט געהערט, ווי זי האָט גערופן אָרלאַנדאָן.
קיינער האָט ניט געזען, ווי זי האָט זיך אַריבערגעבויגן צו אָרלאַנדאָ׳ן.
קיינער האָט ניט געוואוסט ווי זי איז געפאַלן צו אָרלאַנדאָ׳ן.
אָבער אַלע האָבן געזען צוויי זעליקע באַרואיקטע פריידן,
און אַרום זיי — דריי ווייסע ליליען.

BALLADE PROVENCAL

(וואַריאַנט : ראָנדאָ)

די קעניגין טרויערט. אין איר בודואַר
שאַרט בלייך ביי די ווענט זיך דער טרייסטלאָזער צאַר.
עס רויטלט דער מאָרגן. עס שלייכן די שטונדן.
שוין שפּיגלט דער אָוונט אין גאָלד זיינע וואונדן,
נאָר זי זיצט אַ ווייסע, פאַראומערט און שטאַר.

ס׳איז שטיל אין דעם שלאָס. ס׳ווערט קיין ליכט ניט געצונדן.
אין איטליכן ווינקל איז טרויער דער האַר.
ער הויערט, באַלויערט אַלץ סומנע־ביזאַר.
די קעניגין טרויערט.

און יאָרן פאַרגייען. האַלב טראַנס, האַלב קאָשמאַר.
פאַנטאָמען, פאַנטאָמען אין גראָען ווירוואַר.
אָרלאַנדאָ. דער קעניג. אָרלאַנדאָ געבונדן.
דער קעניג אין צאָרן. אָרלאַנדאָ פאַרשוואונדן.
איז ליבן — אַ זינד דען? ווער שטראָפט אַלץ דערפאַר?
די קעניגין טרויערט.

שוואַרץ צי גאָלד פאַרגייט

שוואַרץ צי גאָלד פאַרגייט. די גרויע האָר גייט מיט
ביז דעם גרעסטן און באַפרייענדיקן שריט.
ס׳איז דעם לעבנס זילבער־שריפט די גרויע האָר.
זי דערשרייבט דעם טאָג פון לעצטער קלוימערשט־וואָר,
און באַהויכט ס׳פאַרגאַנגענע מיט העלן צוויט.

דאָס פאַרגאַנגענע! אָט ערשט — אַ מעטעאָר,
און לעגענדע שוין. אַ וויטער, גוטער מיט.
פול מיט ווייזהייט זינגט דאָס זילבער־ליד: פאַרבליט.
שוואַרץ צי גאָלד פאַרגייט.

שוואַרצער סאַמעט. גאָלד־געשפּיל. אַלץ איילט. אַלץ פליט.
דער קאָלירטער קרייז פון טעג און יאָרן ציט,
שוינט אויך ניט אַ בעאַטריטשע, אַ לענאָר.
אויף דיין קאָפּ אַ זילבער־אָס. און אַלץ ווערט קלאָר.
אַלץ ווערט ליבער. זילבער אַלץ פאַרוויסט, פאַרגיט.
שוואַרץ צי גאָלד פאַרגייט.

ניו-יאָרק

וואָל־סטריט

ניט אַשורבאַניפּאַל.
ניט אַלעקסאַנדער.
ניט טאַמערלאַן.
ניט באָנאַפּאַרט.
איך —
וואָל־סטריט.
מיין —
די הערשאַפט איבער טרוקעניש און יאַם.
ניט מיט רוט.
ניט מיט בלוט.
ניט מיט שווערט
און יאָגעניש נאָך ערד.
איך רעגיר
מיט פּאַפּיר
און מיט געלער בענקעניש.

אַ לענגליכע געדרייטע הייל
צווישן געקעסטלטע, איינגעמויערטע געצן.
די געצן רייסן זיך ארויף, אַרויף,
מערן זיך אין דער הייך,
פאַרצערן שפּיצן פון קירכן,
שלינגען זון און הימל.
שמאָל איז דער הייל,
טונקל און סומנע.

שטיין, שטיין, אומעטום שטיין.
און אונטער׳ן שטיין
דאָס האַרץ,
דאָס קאַלטע בלישטשענדיקע האַרץ
פון אַלע געצן.
אַרום אים,
אין אונטערערדישע געוועלבן,
הינטער אייזערנע ווענט —
אַן אייביקער, פאַרטאַיעטער ריטואַל.
געלער בליאַסק,
און ציטערדיקע הענט פון קויהאַנים־געדוילים
אין פאַרכטיקער אַוואוידע,
אויף אַלטאַרן פון גרויען צעמענט.

די פעלזיקע שערענגעס
קוקן גלייכגילטיק, קוקן שווייגיק,
און שווייגיק זענען דאָ שטענדיק די מענשן.
עס צעקייקלט זיך אַמאָל מיט געלעכטער
די פינסטערע ערד פון קאַטאַקאָמב.
עס צעשרייט זיך אַמאָל דאָס באַגראָבענע האַרץ –
נאָר מענשן זענען שטיל און ערנסט
אין וואָל־סטריט.

מאַנהעטן־בריק

צוויי מוטנע שטראָמען אין צענויפגוס פון זוניקן שימער.
צוויי בלאָטיק־צעפּליאַטשעטע פּיס און איבער זיי אַ פּאַטריצישער קאָפּ.
די בויערי, היים פון כינעזיש טעאַטער, פון באַמס און פון מישאָנס,
קאַנעל־סטריט, די גאַס פון ביליקן, אידישן מיסכער —
און זיי בינדט צענויף
אויף זייער גרילציקן לויף,
אַ פינקלענדער שנאַל,
דער געשמוקטער פּאָרטאַל
פון מאַנהעטן־בריק.

קאַנעל־סטריט און בויערי! זינגט אייער פרייד צו דעם הימל,
שאַלט שיקערערהייט אייער שטאָלץ מיט די קופּאָלן פון לאָוער־
בראָדוויי,
אייער ייכעס מיט וואולוואָרט, מיוניסיפּאַל, מיט אַזוי פיל טעמפּלען
פון ביזנעס:
לויכטנדיקע זונען פאַר אייערע פאַרקאָפּטשעטע שויבן,
קונציקע געזימסן פון געטאָקטער אַשירעס פאַר אייער אָרימער
גרויקייט.
נאָר העכער פון אַלץ הויבט אויף אייער שטים אין אַ דאַנקבאַרן
הימן,
פאַר דעם גליק,
וואָס די אונטערפירער זענט איר
צו מאַנהעטן־בריק.

מאַנהעטן־בריק!
זאָל איך באַזינגען דיין מאָרגן,

ווען דיין ראַכוועסדיקער עמפּאַנג
גריסט מיך מיט געקלאַנג פון מענשן און סכוירעס,
מיט דער דזשאַז-סימפאָניע פון שטאָדט,
אין וועלכער איך שפּיל מיט?
זאָל איך באַזינגען דיין פּאַרנאַכט,
ווען דער הימל איבער דיר צעבענקט זיך דאָרפיש-סענטימענטאַל
און שיקט אַ בלוי-ראָזיקע אינגלישע בסורע
אויף דיין מענליכער גוואורע פון ציגל און מעטאַל?
זאָל איך באַזינגען דיין נאַכט,
ווען מיט דער ענדלאָזער שורע פון באַלויכטענע אויטאָס און טראָקס,
מיט די עלעקטרישע בליצן ביי דיינע ריפּן פון שטאָל
פינקלסטו, רייצסטו, ווי אַ רינג פון מאָנסטער-בריליאַנטן,
דו פאַרקנאַסעריין פון צוויי זיך יאָגנדיקע שטעט?

איך האָב דיך ליבער, מאַנהעטן-בריק,
ווי איך קאָן דיך באַזינגען.
ביזט דיין אייגן מעם-לעסיק געזאַנג,
די דרייסטע פאַרמעסטונג, דער באַפעל פון ערפאַלג:
זאָלן די צעדרייטע האָקנדיקע פינגער,
זאָלן די באַצאָלטע, געדונגענע הענט
נאַכטאָן אָטען און רוים.
זאָלן זיי צעשאָלן אונזערע סאָכרישע נעמען
בויען אַ בריק צו פאַרשעמען אין שיינקייט —
לאָנדאָן, פּאַריז און בערלין.

אין סאָבוויי

I

אַ וואַנט.
אַ טעמפּע וואַנט פון מענשן־פּלייצעס, הענט, פּיס.
אַ גרויער מויער מיט ווייסע רונדע פלעקן.
אַ באַזיגטע אַרמיי אין אַ הייל, פאַר'ן מושטירן,
וואָס וואַרט אויף אָפענע טירן.

ניט קיין אויפגעפּראַלטע שטייגן נעמען פּילדערן.
ניט קיין פעלזן נעמען זיך פון די גרונטן רירן.
די אַרמיי נעמט שפּירן
דאָס שלאַנגען זיך פון אַ סאָבוויי־צוג אין דער סטאַנציע אריין.

ווייניג טירן.
ווייניג טירן.

אינעווייניג אין געדרענג,
שטייענדיק און אויף בענק —
ווענט, ווענט.
פּלייצעס, הענט,
פּיס, פּנימער.
אַ קעניגרייך פאַר אַ זיץ!
אַ קעניגרייך פאַר אַ הענגער!
די וואַנט אינעווייניק לענגער,
געדיכטער, שטייפער, ענגער,
די פּנימער גרויער, שטרענגער.

אריין!
פֿאַרקלאַפּט די טיר.
ריר־ריר.
לעבעדיקער קנויל.
איינגעהאַלטענער, פֿאַרשטיקטער, דראָענדער געפֿילדער.

געדרענגט און געדרענגטער,
פֿאַרביסענער, פֿאַרבענקטער,
טעמפּער און אָנגעשטרענגטער —
צו רו, נאַכטעסן און קינאָ־בילדער.

אין סאָבוויי

II

Rush Hours

יעדער צאָל איז פאַרפילט.
יעדער צאָל שעלט די געזעצן פון רוים.
קוים וואָס מען קאָן אָטעמען.
און ערגער פון אַלץ די הענט.
האָבן זיך ניט וואו אהינצוטאָן.
הענט קריכן.
פים שאַרן.
מענער. פרויען.
אין גרויען, עלעקטריש-געלן ליכט
וויגט זיך לאַנגזאַם, וויגט זיך פלינק,
וויגט זיך לינקס, וויגט זיך רעכטס
דער שווער-אָטעמדיקער, באַוועגליכער געפלעכט.
איין כאַיע —
טויזנט סאָנים.
איין פּאָנים —
טויזנט פים און הענט.
ברענט און ראַצט דאָס ליכט.
ברענט די סינע
אויף די געזעצן פון רוים.
ברענט גרוי און רוי
פון מאַן אויף פרוי, פון פרוי אויף מאַן —
אין דער סאָבוויי-באַן.

פלוצלונג ווייזט פון באַלקן זיך אַ האַנט
און נעמט שטראַמען גאָלדענע דאָלאַרן
אויף דער לעבעדיקער וואַנט אין דעם קאָשמאַרענעם טונעלן-לאַנד —
אַראָפּ.
די לעבעדיקע וואַנט —
אַ ציטער.
די וואַנט אַ ציטער —
מענשן-געוויטער.
הענט ווייסן וואָס צו טאָן.
הענט קלאַפּן.
הענט שפּאַרן.
הענט טאַפּן.
הענט שאַרן.
כאַפּן הענט!
ברענט
אַ סינעדיקער, מענשעדיקער קנויל.
אויגן, אויערן — גאַרן.
און די דאָלאַרן
שטראַלן,
פאַלן,
שאַלן
אויף אַ ליגנדיקער, ראַנגלענדיקער, האַסנדיקער וואַנט
פון דער האַנט אויפ׳ן באַלקן
אַראָפּ.

קאַפּ אויף קאַפּ.
קנויל אויף קנויל.
גאָלדענער גרויל.

קומט צו דער סטאַנציע
אַ טויטער צוג.
דורכגעשטאָכענע אויגן.
צעבלוטיקטע מיילער.
אין די טויטע לעכער —
גאָלדענע מינצן,
בליציקע שאַרפּן,
וואָס די האַנט האָט געוואָרפן
אין דער סאָבוויי־באַן
אויף דעם אונטערערדישן ו ו אַ ן ־ ו ו אַ ן ־ וואַנזין.

אין סאָבוויי

III

אין דעם גרויען, רירעוודיקן מויער
אַריינגעמויערט
איינם לעבן אַנדערן
אַ ווייס מיידל און אַ נעגער.
רייאַך פון שאַרפן מוסקאַט
האָלזט אַראָמאַט פון אַנגסטיקן מיידלשן פלאַטער.
דער נעגער דריקט זיך שטאַרקער
צום מיידל.
שוואַרצע בענקשאַפט
בענשט ווייסע ענגשאַפט.

אַ ווייס מיידל און אַ נעגער.
טרויער
אין דעם רירעוודיקן גרויען מויער.
טרויער פון דעם יעגער,
וואָס ווייס, אַז ער קאָן זיין געגאַרטכטן פאַנג נישט קריגן.
נישט אונטן אויף די רעלסן רעדלען רעדער.
רעדערווירבלען, שווינדלען, דרייען
אין אַ שוואַרצן, קרייזלדיקן, אומגליקליכן קאָפּ.
(לינטש-פייערן — פלאַקער, פלאַקער.
שלייף פון טליע — שטייפער, שטייפער).
דער נעגער דריקט זיך שטאַרקער
צו דעם מיידל.

אין סאָבוויי

IV

בלייך-בלויער, בלאָס-גרינליכער הוט.
דער ווייטער כינאס שטיל-פאַרטראַכטע וואַזען.
דעם טאָאָ-דיכטערס לויטערע עקסטאַזן.
זיין בענקשאַפט צום אַל-אַבסאָלוט.

בלאָס-געלבליכע רויז. אַראָמאַט
פון שטילע, פייערליכע ריטואַלן,
פון גאָט-דינונג אין ווייכע זייד-סאַנדאַלן,
פון גלויבן מיט ווייזהייט שוין זאַט.

און מאַנטל פון דין-שוואַרצן זייד.
דעם מאַנדאַרינ׳ס געמאָסטן-רואיק שפּאַנען,
זיין ווייזער בליק אויף פרינצליך-שוואַרצע שוואַנען,
זיין העל-זען וואָס נאָענט, וואָס ווייט.

אָ, מיידל, ווייט, לופטיק און העל,
אויף וועמעס רוף האָסטו געוויילט קאָלירן?
האָסטו געוואָלט דיין ליכטיק וועזן צירן
מיט׳ן ספּעקטרום וואָס רוט אין מיין זעל?

צי איז עס פון צופאַל די שטים?
איך דין פאַר זיינע מיסטישע אַלטאַרן.
דאָס גרויסע ליכט פונ׳ם אייביק-וואונדערבאַרן
אַנטפּלעקט זיך דאָך שטענדיק אין אים.

מעדיסאָן סקווער

קיין אָפּשטעל פון דעכער.
די ליניע אַלץ העכער.
צום הימל — אַלץ פרעכער.
גראַד. ווירִיל.
געמיטער כאַאָטיש.
געשפּאַנט, אַנטי-גאָטיש,
געשעפטס-דאָנקיכאָטיש.
צופאַל — סטיל.
ענערגיע קאָמפּאַקטע.
טראַפּעציעס געהאַקטע
פון ווילנס געוואַגטע.
מענער-זאָרג.
גראַנדיעז אין אומשיינקייט.
מיט כויזעק צו קליינקייט.
פילפּאַכיק אין איינקייט —
ריז, ניו-יאָרק!

שטאָלץ, וואונדער-ווערק פלעט-אייראָן בילדינג, מאַן-געשטאַלט.
דו שניידסט אַריין זיך אין דעם סקווער, אַ העלד-זשאָנגלער,
די הענט און פיס אויף הינטן, וויַיט דעם קאָפּ אַפער,
און ווילסט אַוועק. נאָר מעגליך צאַמסטו דיין באַגער.
גראַד שטייגט דיין ליניע, מעטראָפּאָליטאַן, און ס'שאַלט
דיין ליד אַריבער יעדן קאַבצנס טרוים אין סקווער,
און ס'פאַלט מיט שפּאָט דיין לאַך אַראָפּ אויף דעם אַספאַלט.

און ענג אַרום געהאַקטע פורעמס, יעדער — אָבעליסק.
עס שפּיזן העלדן־טורעמס זיך אריין אין זונענדיסק.
און פון אַ ווינקל קוקט דער „גאַרדן" דורך אַ שפּאַלט,
רום פון פריערדיקן דאָר. וואָס מער און מער
פאַרלירט זיך אין ניו־יאָרק און לויפט פון זאָרג און ריסק.
נאָר ס'לאַכט פיפט עווענױ און ס'לאַכט בראָדוויי פאַרשייט.
זיי האָבן בײדע ניט קיין כיישעק און קיין צייט
צו טראַכטן, צי עס לוינט אַ סטיל־און־פאָרמען־בייט.
זיי בייטן זיך. דער סקווער — אַ צופעליקער האלט,
אַ טרעפעניש, וואָס האָט אין רוישיקן מאָמענט
געבוירן ריזן־זין פון אייזן און צעמענט.

פאַרנאַכט

שויבן בליצן, שויבן צינדן זיך אין סקווער.
ס'פינקלען ליכטער אויף פאַנטאַסטיש, פאָליגאָניש.
דרייעקס, ראָמבן, האַלב סעצעסיע, האַלב האַרמאָניש,
טאַנצן פרייליך אויף אין פענסטער — גראַד און קווער.

צו דעם הימל ווינקן שפּיציק און סאַרדאָניש
פלעקן גאָלד און שוואַרץ. און ער — פאַרטיפט זיך מער,
הענגט צעשניטן שאַרף ווי פון אַ ריזן־שער,
גלאַנצט צוריק זיין בלויקייט זייטיק און לאַקאָניש.

די ווירילע טורעמס — ווייניקער געווינקלט.
באַלד און ס'דאַכט זיך: ס'קלייבט אַ פאָלק זיך, רייך באַשפּרינקלט
מיט שטורקאַצן צום פאַרשייטן קאַרניוואַל.

אַ דעבאַש אין סקווער. עלעקטריש־לעגענדאַריש
רוישט ער אַפּ אַ שאַ, אָרגיאַסטיש און ווירוואַריש —
זעלבסט־פאַרשיקערטע כימערע, אומרעאַל.

ביינאַכט

איצטער איז רואיק. פאַרלאָשן די פענסטער.
ס׳טוקן לאַמטערן זיך שטיל אין אַספאַלט.
ס׳קוקן די טורעמס ווי שטיינער־געשפענסטער.

שטייט די פלעט־אייראַן מאַסיוו, גרוי און קאַלט,
הענגט מעטראָפּאָליטאַן שווערער און גרויער,
הורבן זיך אַנדערע סומנע ווי וואַלד.

יעדע געביידע איז איצטער אַ טויער
צו אַ בעסוילעם, וואו הינטער די ווענט
שלאָפן אַמביציעס און פלענער פון בויער.

יעדע געביידע איז איצט מאָנומענט,
שטיינערנער שאָטן פון שטאָטישן פיבער,
דענקמאַל אויף אומרו, וואָס שאַפט און פאַרלענדט.

הינטער די שויבן, אין ליידיקע שטיבער,
לויערט דער דעמאָן פון כעשבן און פלאַן,
מאַכטלאָז אַ ווײַלע — זיין צויבער פאַראיבער.

ערגעץ אַוועק איז אויף קאַר און אויף באַן,
ערגעץ פאַרשוואונדן די הילכנדע מענגע
מענער און פרויען — דער שטאָט־קאַראַוואַן,

וואָס ווערט פאַרדרענגט דאָ אין פירעקן ענגע,
גלייך אין פאַפירענע לייצעס געשפאַנט,
האַרצלאָז מושטירט קעגן ציפערן שטרענגע.

טויט די פאַפיר־וועלט. אויף טיר און אויף וואַנט
הענגט נאָך אַ כאָלעם, אַ צאָל ניט־געראָטן,
שלייכט אַן אַמביציע, אָן מאַזל געפלאַנט.

כ׳זע שוין איצט זיך, איך בין מעד ניט פאַרשאָטן
אונטער דעם ריזיקן רויש און פאַרקער.
כ׳זע איצט אויך מענשן און גרים זייער שאָטן.

קום איצט מיט מיר אין דעם מעדיסאָן סקווער.
לאָמיר שפּאַצירן אויף אָט דעם בעסוילעם,
וואָס איז בעסוילעם צוועלף שאָ און ניט מער.

לאָמיר אים בענשן: אַז גוט אים, אַז וואויל אים,
און אים פאַרגעבן, וואָס באַלד וועט אויפסניי
שטורמען זיין קראַפט ווי אַ גאָט אָדער גוילעם.

אומשולדיק שוועבן די נעמען פאַרביי
אויף די מאַציייוועס. געהיימניספול טראָגט זיך
עכאָ נאָך עכאָ פון דער שטיינעריי:

ס׳ליד פון די אויטאָס, וואָס האָבן געיאָגט זיך
הונדערטערווייז דורך דעם טאָגיקן קרייז,
ס׳ליד פון די זוילן, וואָס האָבן געטאַקט זיך

אָן טראָטואַרן — צענטויזנטערווייז.
(אַלץ איז בייטאָג דאָ פאַרפאַלן געוואָרן
קעגן דעם שטאָלן־געמויערטן פליים).

מעדיסאָן סקווער! טראָג זיך וואָכן צי יאָרן,
וועסט ניט געפינען קיין אָרט, וואו עס זאָל
העכער, געוואַגטער, צו דרייסטערן גאָרן,

שטייגן די ליניען די גראַדע פון שטאָל,
יענע, וואָס פורעמט די שטעט און די לענדער,
שליידערט דאָרט מענשן צונויף אָן אַ צאָל.

דאָ הערשט די ליניע די גראַדע, וואָס בענדער
שמידט זי פון אייזן, צעמענט און גראַניט,
מאַכט פון דעם מענשן אַ בויער־פאַרשווענדער.

דאָ אויך די צאָם פון דער ליניע. זי שמידט
וועגט צווישן מענטש און זיין בענקשאַפט צום וואונדער,
קאָוועט אין פלאַכן, כאָטש ס׳דאַכט אים, ער פליט —

קעגן דער ליניע פון הימל, דער רונדער.

די פּלאַזאַ

פיפט-עוועניו, פּאַרפירערישע טאָכטער פון ניו יאָרק,
האָסט מיך פאַרפּאַכט אויף לעבנסלאַנג, איך נעם דיך בלויז אויף באָרג,
אַ שאָ אויף באָרג. נײַן, ווייניקער, אַ קאַרגע האַלבע שטונד.
אין אָט דער צייט געטריי זײַ מיר, געטריי אין ליבשאַפט-בונד.
דײַן פּלאַזאַ האָט גענומען מיך, אַ וויליקן אין פאַנג,
אין יענער דורכזיכטיקער שאָ פון ווײַסן זון-פאַרגאַנג,
ווען אין דעם האַרצן פון דײַן רויש, פאַרשפּרעכנדיק און שטיל,
גייט אויף דער גאָלד-קאַפּריזעדיקער שמייכל פון אַפּריל.

מינוט שלינגט איין מינוט, און ס'הענגט שוין איבער סענטראַל פּאַרק
אַ לויכטנדער, פיל-שפּיציקער און קרישלדיקער באַרג,
וואָס באַלד ווערט ער אַ קעמל, גאָלד-באַלאָדן, האָרב אויף האָרב.
גאָלד פאָלט אויף דעם אַספאַלט און שפּרינקלט פלעקיק אויף דעם קאָרב
פון דער פאָנטאָן-פיגור אין ווײַסן צענטער פון דעם סקווער,
און צינדט דעם בראָנזן-שערמאָן אָן מיט נײַעם זיג-באַגער.
דער מאַיעסטעטישער האָטעל שטייט שטיל און אימפּאַזאַנט,
און ווי אַ פעסטונג, וואָס היט אָפּ די זיכערקייט פון לאַנד,
באַהערשט זײַן ווײַסקייט איצט נאָכמער, ווי דורך דעם טאָג
די געגנט מיט דעם רויש, וואָס פלייצט אַהער פון יעדן ראָג.
די אויטאָס רוישן, בליאַסקן מיט נערוועזן שוואַרץ און געל
און שויבערן אין אימפּעט אויף — אַ שרײַיִק-רויטע וועל.
נאָר זע: די לײַבן און פאַנטערעס פון דעם גרויס-שטאָט-וואַלד,
וואָס לויפן אויף געיעג אויף האַרטע שטעגן פון אַספאַלט, —
איצט פילדערן אומזיסט. אומזיסט אַצינד דער רעוונדער געאייל.
זיי מאַכן טיפער נאָר די רו, וואָס וועהט פון וואַנט און זייל.

(די שטילקייט פון דער פלאַזאַ! ווי אַ גאָטספאַרכטיקער גרוס
פון גאָר דער פרומקייט פון ניו יאָרק, וואָס האָט דעם איבערפלוס
פאַרפאַנצערט אין געטאָקטע קאַטעדראַלן דאָ אַרום.
פיפט-עוועניו איז גוט צו זיי, פיפט-עוועניו איז פרום,
אַ היים פאַר יעדן גאָט, פאַר יעדער ביזנעס אויך אַ היים.
דעפּאַרטמענט-סטאָרס און טעמפּלען — די זעלבע שטיין און ליים).

פאַרברוינטע פלאַסטן שווייגעניש, ווי אַ פּיראַטן-שיף
וואַרפט פון דער ווייט די גאָטהאַם-באַנק, אי צירליך, אי מאַסיוו.
אַ גליווער פון דעם גרוים-שטאָט-ריטם, וואָס בויט דורך נוצן — פּראַכט.
ניו יאָרקיש זעלבסט-באַוואוסט, גראַנדדאַמיש-רואיק און באַדאַכט,
אַריבער קוקט דאָס העקשער-הויז, אויף טורעמס — טורעם-שפּיץ.
פּילפּאַכיקער, גראַניט-געשמידטער, ווערטיקאַלער בליץ.
און דאָרטן אין דער הויך — אַ גאָלדענער, נאַאיווער האָן,
ווי רימסקי-קאָרסאַקאָוו'ס „קאָק-ד'אָר", דאָס זעלבע זאָגט ער אָן.

ניו-יאָרקער ליניעס. ריטם פון האַרצלאָז, שטיינערדיג געפּעכט,
דאָס ווערק פון מענשן-הענט, דער מענש פון אייגן ווערק פאַרקנעכט.
גאָט'ס אָוונטיקע זון באַלויכט פאַנטאַסטיש און באַשיינט
אַ וועלט, וואָס האָט זיך זעלבסט פאַרקישעפט און זיך זעלבסט
פאַרשטיינט.

פיפט-עוועניו! דאָ אויף דער פּלאַזאַ, קוקסטו זיך אַרום,
און ס'ווערט דערעסן דיר דער גלייכער, גראַדער וועג. גיסט קרום,
ווי פון אַ זייט, אַ בליק צוריק און אומרואיק פאַראויס,
און דיר געפעלט ניט, ווי עס לאָזט דיין גראַדער וועג זיך אויס.
פאַרדרייסט זיך לינקס צום סענטראַל-פּאַרק, וואָס וואַרט
פאַרבענקטערהייט
אויף דיר אין ראַנדעוואו פאַרנאַכטיק-סוידעסדיק און גרייט.

אויף בראָדוויי

די ווענט פון שטיין, דער דיל פון מוטנעם שטיין.
אין פרעמדקייט, גרויער, שטייניקער אַליין.
ווי רווישלאָז ס'פּאַלט אויף דעם אַספּאַלט מיין טראָט,
וואַרפט הילכיק זיך אויף מיר די וואָג פון שטאָט.
מיין גאָט!

מיט אויגוסט-וואַנזין אָטעמט דער גראַניט.
אין הייסע, האַרטע אָרעמס איינגעשמידט,
ריים איך זיך פון דעם שטייניקן וואַמפּיר —
ווי ס'אויג צום ווייטן הימלס בלוי-קאָליר —
צו דיר.

און קיינמאָל האָט נאָך ניט אַזוי אינטים
געקוואַלט אין מיר מיין ליבעס שטילע שטים,
ווי יענע שאָ, בייטאָג, אַ זייגער צוויי,
ווען ס'איז געווען אין דולער שטיין-געשריי —
בראָדוויי.

EPHEMERA

I

מיט אַ רויטער כוואַליע האָט דער עמעס אַ שטראָם געטאָן
און מיך אויף זיין הייך און טיף מיטגעשלעפּט.
אין דרייפאַכע רינגען האָט ער מיך געוואָרפן,
אויף דרייפאַכע שאַרפן האָט ער מיך געשניטן.
איצט בין איך אין מיטן פון דעם דריטן רינג,
פון דער דריטער שאַרף —
שרעק.
און פון דער טיפעניש פון מיין פינסטערניש
שיק איך מיין פאַרווירטע שטים,
און הער ניט אויף דעם עמעס צו שעלטן.
וועלטן נאָך וועלטן וואַרטן אויף אים.

און קומט ער אַמאָל,
איז מיט פייער און שטאָל,
און מיט רויטע פאַרפלייצנדע כוואַליעס

מיט שטאַרע פאַרלאָפענע אויגן
שווימט ער איצט אין רויטן יאַם.
קריצט מיט די ציינער,
פלוכט,
זוכט,
שרייט: איך בין איך!
און פאַרלירט זיך אַלין מער.

II

פיס. פיס.
הענט. הענט.
אַ ווילד ליד זינגען זיי אויס אויף האַרטער ערד,
אויף פינסטערן אַרץ, אייזן און שטיין.
האַס און קלאַלעס.
הייזעריקע קעלען.
פיס און הענט וואָס ציילן:
איינס־צוויי.
איינס־צוויי.
איינס־צוויי.

אין גראָע כוואַליעס קומען זיי,
אין שוואַרצע כוואַליעס גייען זיי.
געקומען — געגאַנגען,
אין צעמאַלנדיקע ציינער געפאַנגען,
און געזוכט —
דעם עמעס.
דעם איינציקן.
דעם אייביקסטן.

הערט דאָס ווילדע ליד פון אַרבעטנדע פיס און הענט.
הערט דאָס רעוועז פון קעלען, וואָס זענען צו מיד
צו רוען.
הערט —
און פאַרשעלט דעם עמעס.
וועמעס?
דעם אייביקסטן.

וואָס ליגט ער אין באַהעלטעניש?
וואָס וואַרט ער ביז די מאָס וועט זיין פול,
און מיד און קראַנק און דול — די וואָס וואַרטן אויף אים?
און קומט ער אַמאָל,
איז מיט פייער און שטאָל,
און מיט כוואַליעס רויט
און מיט רויטן טויט.

III

איך האָב ניט ליב שטאַרקייט,
און זינג ניט דאָס ליד פון די שטאַרקע.
איך האָב פיינט שוואַכקייט,
און וויל ניט זינגען דאָס ליד פון די שוואַכע.
איך זע דעם מענש
און זיין ליד וויל איך זינגען.
און דעם מענש זע איך,
ווען איך קוק זיך צו צו כאַיעס.
צו כאַיעס אין שטייגן.
צו כאַיעס, ווען זיי שטרעקן זייערע צינגער צו דער זון פון וואוילטאָג.
צו כאַיעס, ווען זיי זוכן אַ ווייכן פּלאַץ צו צערטלען זייער פוילקייט.
צו כאַיעס, ווען זיי בלאָנדזשען און בענקען אַליין.
צו כאַיעס אין סטאַדעס, ווען זיי האָבן מוירע צו זיין אַליין.
צו כאַיעס, ווען זיי וואָיען סערענאַדעס צו דער לעוואָנע.
צו כאַיעס, ווען זיי שטאַרבן ביי טאָג און ביי נאַכט און פּאַרנאַכט.

און נאָך זע איך דעם מענש,
ווען איך שיק מיין אויג צו די טיפסטע גרונטן,
און זע דאָרט בלויז פינסטערניש און נעגל און ציינער,
און הער דאָס וואָיען פון דעם איינעם און דער איינער.
אָבער אויך —
ווען איך הויב מיינע אויגן הויך, הויך אַרויף,
און זע דאָס לויטערע פּאָנים פון דעם געגאַרטן און קומענדן.

איך ליב נישט דעם מענש און האָב אים ניט פיינט.
נאָר היינט און נעכטן און מאָרגן בין איך מיט אים איינס,
איך אין אים און ער אין מיר.
און איך ווייס אַז ער זוכט דעם עמעס.
און האָרט, און ברומט, און גאַרט, און שטומט,
און רייסט זיך דאָס לייב,
וואָס ער קומט נישט.

און ווען בערג אייזן און שטיין און פינסטערער אַרץ
וועלן טורמען איבער מיין שטומקייט,
ווען טייכן און יאָמען וועלן שווענקען מיין זינלאָזע רו,
וועל איך נאָך דעמאָלט שעלטן מיט קלאָלעס,
וואָס וועלן סאַמען און גרייכן אַלע וועלטן —
דעם עמעס,
וואָס קומט נישט —
און קומט ער אַמאָל,
איז מיט פייער און שטאָל,
און מיט וואונדיקע יאָמערנדע כוואַליעס.

הערבסט

הערבסט

(סאָנעטן־קראַנץ)

I

מיין ליוב דיר, הערבסט, סעזאָן פון רייפן גאָלד,
פון דורכזיכטיקע בענקענדע קריסטאַלן,
פון קלוגע בוימער—ריזיקע קאָראַלן,
פון ברייטער רו, וואָס שמייכלט אויף רעוואָלט.
עס זענען רו און אומרו דאָך די שטראַלן
דערפון בלויז, וואָס מיר האָבן ווען געוואָלט.
דער הערבסט לערנט ווייזהייט אונז. זיין רייכקייט צאָלט
פאַר פרילינגס לייכטקייט, פאַר די שווערע וואַלן

פון זומער, װעלכע נאַרן מיט דער לאַסט
פון פאַלשע און פאַרפירנדע מיראַזשן.
„וואָס ווען געוואָלט", און ווען געליבט, געהאַסט —
ס'איז אַלץ נישט מער, ווי פיינע קאַמופלאַזשן.

דער עמעס איז אין הערבסט'ס קאָלאָראַטורן:
אָראַנזש, וויאָלעט און טרוימענדע פורפורן.

II

אָראַנזש, וויאָלעט און טרוימענדע פּורפּורן.
ס'איז נישט די פול־באַשטימטע ליניע וואָר,
נישט דאָס, וואָס האָט איין בילד, איין פּאָנים נאָר,
און רייסט זיך אָפּ מיט זיכערע צעזורן.
וואָר איז דער האַלב־טאָן, דער געמישטער כאָר,
וואו ס'קלינגען ציטריק זיך צונויף די שפּורן
פון פילע קלאַנגען, צייטן, קרעאַטורן,
וואו ס'בענקט דער כאַאָס אַלץ צו ווערן קלאָר.

דאָס איז דער הערבסט. דאָס זענען די פאַרנאַכטן,
ווען ס'איז אינצייטיק אומעטיק און העל,
ווען ס'עפנט אַלע שלומערנדע פּראַכטן
די פיינליך־לויטער ווערנדיקע זעל.

דאַן בעטסטו צו אַ פּרוי, ווייט אין לאַזורן:
„אין דיינע צאַרטע, שטראַליקע קאָנטורן".

III

אין דיינע צאַרטע, שטראַליקע קאָנטורן
שוועבט אום מיין טרוים, די זעלטן-ווייטע פרוי,
די איינציקע, וואָס נאָר אין אָוונט-בלוי
ערשיינסטו מיר, געשפּין פון עטער-שנורן.
דורך צופאַל זענען מיר נאָר ווייט אַזוי —
צוויי אָפּגעזונדערט-בלאָנדזשענדע פיגורן,
צוויי אָפּגעשפּאָלטן-בענקענדיקע שפּורן
פון איינס. דאָס וויים און שוואַרץ פון בלויז איין גרוי.

ניין, ניט פון גרוי. פיל ריכטיקער: וויאָלעט,
וואו רויט און בלוי אין וואונדער-אַמאַלגאַמע
העל זינגען אוניסאָניש אַ דועט,
איין איינציק-לויטערע, פאַרבענקטע גאַמע.

אין דיר, אַ זעאונג די פון בלוי און גאָלד,
ווערט גאָר מיין זעלן-פּלאָנטער אויפגעראָלט.

IV

װערט גאָר מײַן זעלן־פּלאַנטער אױפֿגעראָלט,
כאָטש כ'װײס זי איז דאָך בלױז אַן אױסגעטראַכטע.
נאָר װאו הױבט אָן, װאו ענדיקט ס'אױסגעדאַכטע?
די װאָר איז פּעסט־געציגלט, פּעסט־געשטאָלט.
און דאָך װי אָפֿט אַנטלױפֿט זי, אַ פֿאַרלאַכטע,
אין שלאָף אַרײַן נאָך טרײסט! דאָס װאָס געזאָלט,
איז װאָרער פֿיל, װי אין דעם אָװנט גאָלד
אַן עמעסע, זיך גליטשנדיקע יאַכטע,

װאָס גיט אַ װײ מיט בענקשאַפֿט און פֿאַרשװינדט.
אילוזיע איז אַ פֿאַקט. דער פֿאַקט — אילוזיע.
און כ'בין ניט זיכער, צי איך שרײַב אַצינד
אין ראָסקאָ־דאָרף, צי גאָר אין אַנדאַלוזיע.

אילוזיע מײַן, בײַ דיר אין שױם זיך נורען
זיכרױנעס, בילדער, זעאונגען, פֿיגורן.

V

זיכרוינעס, בילדער, זעאונגען, פיגורן
פון עפּעס גאָר אַן אַנדערשדיקער וועלט
גענענען איצט צו מיר און פריידיק העלט
מיין זעל אויף. כ׳זע זיך אונטער אַבאַזשורן
פון ליכט — אין ליכט. די גאַנצע וועלט — מיין צעלט,
געבויט אויף זיבן־פאַרביקע וועליורן.
איך בין ניט איך. גאָר אַנדערע קאָנטורן
פאַרמאָגט מיין לייב; אי מער ווי איצט, אי ס׳פעלט.

כ׳בין מאַן און פרוי צוזאַמען. יאָ, צוזאַמען.
כ׳בין מענש און דאָך נישט מענש. פיל גרעסער, מער.
פיל מער ווי מענש. מיט וועלכע הימנען־פלאַמען
זאָל איך דען אויסזינגען, וואָס כ׳זע און הער?

איך וואָג נישט זינגען דאָס, וואָס אין זיין גאָלד
דער פאַרבן־זאַטער הערבסט מאָלט אַלץ און מאָלט.

VI

דער פאַרבן־זאַטער הערבסט מאָלט אַלץ און מאָלט.
כ׳זע וואָס געווען און עפּשער גאָר דעם שפּעטער.
איך בין ניט איך. אַ גאָט אָן ברידער־געטער.
און אויף אַ וועג, וואָס ברייט זיך און וואָס שמאָלט
פון צווישן וועלטן־בוימער, זונען־בלעטער
גיי איך אַליין. איך מאַן־ווייב־גאָט. באַטאָלט,
באַבאַרגט אין אויסטערליש די ערד. זי ראָלט
און וויקלט זיך. איך בוי און איך צעשמעטער.

איך בוי אַ וועלט און מאַך זי ווידער וויסט.
כ׳בין מעכטיק אין מיין קראַפט. נאָר איינזאַם שפּינען
זיך טעג. ניטאָ ווער ס׳זאָל מיר זאָגן: „ביסט!“
ווער ס׳זאָל מיין גרויסע מאַכט מיט ליוב באַדינען.

מיין ווערק איז ניט אַזוי, ווי כ׳וואָלט געוואָלט.
יעטוועדעס בילד דערציילט: געקאָנט, געזאָלט.

VII

יעטוועדעס בילד דערציילט: געקאָנט, געזאָלט,
געקאָנט אָן אַנדער וועלט פאַר זיך געשטאַלטן.
כ׳בין גאָט. איך קאָן ניט יונגען און ניט אַלטן,
כ׳בין מאַן און ווייב צוזאַמען, און עס צאָלט
מיין איך זיין ליבע׳ס פרוכטבאַרע געהאַלטן
צו מיר אַליין. נאָר עפּעס שטעכט און אָלט
אין האַרץ ביי מיר. ניט דאָס, וואָס כ׳האָב געוואָלט.
כ׳בין שטאַרק און גרויס נאָר איינזאַם. כ׳מוז זיך שפּאַלטן.

געשען. פון ווייב האָט אָפּגעטיילט זיך מאַן.
געוואָרן זענען זוכנדיקע מענשן.
איך גיי אַרום און בענק און זוך פון דאַן,
און ווייס ניט: זאָל איך שעלטן אָדער בענשן.

איך פאַרש זינט דאַן אין הערבסטיקע לאַזורן.
אין אַלץ מיין איך׳ס פאַרגאַנגען-וויטע שפּורן.

VIII

אין אַלץ מיין איד׳ם פאַרגאַנגענ־ווייטע שפּורן.
האַלב גלוסט נאָך גאַנץ. און ווען אַ פרוי־געשטאַלט
קריצט אָפּ זיך אין מיין האַרץ, מיין איך — עס שאַלט
דער רוף פון יענע אור־ערשטע לאַזורן.
נאָר פרייד רינט אוים אין דער אַנטוישונג באַלד.
די צייט בייטשט פלינק אַוועק די לייכטע פורן
מיט ליימענע, צעבראָכענע אַמורן,
און ס׳האַרץ בלייבט — טריט־פאַרשטויביקטער אַספאַלט.

און כ׳בענק נאָך דעם, וואָס איך האָב אָנגעוואוירן.
דער מענש וויל ווידער ווערן גאָט און וועט.
מיין העלפט, וואָס כ׳האָב דורך אַ קאַפּריז פאַרלוירן,
בענקט אויך און וועט פאַרנעמען מיין געבעט.

כ׳וועל זיין נאָך גאַנץ. אילוזיע איז אַ פאַקט.
וואָס איז אַצינד, איז שיינבאַרער אַנטראַקט.

IX

וואָס איז אַצינד, איז שיינבאַרער אַנטראַקט.
דער אָוואַר איז נאָך צוקונפט ניט געוואָרן.
די צוקונפט בענקט ביי מיר נאָך אין זיקאָרן,
נאָר שטענדיק קלאַפּט מיין האַרץ מיט איר אין טאַקט.
עס לעבן, שטאַרבן וועלטן, צייטן, יאָרן.
איך בייט מיין בילד פון קאָסמאָס־אַקט צו אַקט.
כ׳מוז אָפּקומען פאַר דעם וואָס כ׳האָב געוואַגט
אין יענע ווייטע, ראָזיקע אויראָרן.

און אַלץ וואָס כ׳טראַכט און טו, וואָס כ׳טו און בין —
דערויף הענגט שטענדיק יענער רעגע׳ס צייכן.
מיין לאַנד איז ס׳פאַרביק ווערנדיקע גרין
פון הערבסטס באַדאַכטע טאָלן, ווייזע הייכן.

דאָס ליכט צאַנקט שטענדיק. נאָר אַוועק מיט זאָרגן!
ס׳איז דאָס פאַרגיין נאָר ערעוו נייעם מאָרגן.

X

ס׳איז דאָס פֿאַרגיין, נאָר ערעוו נייעם מאָרגן —
מיין לעבן. און ס׳איז רעכט און גוט אַזוי.
עס מוז זיך דאָס, וואָס שאַרף, ניט־רייף און רוי,
לאַנג לייטערן אין די פֿאַנטאַמען־זאָרגן
פֿון בלייכן צווישן־ליכט, וואָס רויט און בלוי.
מען קויפֿט ניט זעליקייט אויף מערק און טאָרגן,
דער ציל, וואָס איז פֿון מענשן־אויג פֿאַרבאָרגן
איז ניט פֿאַר יעדן ווינט אַ לייכטע שטרוי.

אין שיין פֿון דעם פֿאַרגיין ווערט אַלעם לויטער,
און אַלעם קריגט אַ ניט־געהאַטן ווערט,
בלוי ווערט וויאָלעט, וויאָלעט ווערט רויט און רויטער,
און מער קיין גרעניץ צווישן הימל, ערד.

דאַן הערסטו פֿון דער אייביקייט דעם טאַקט.
דו פֿילסט עס איז נאָך ניט דער לעצטער אַקט.

XI

דו פילסט עס איז נאָך ניט דער לעצטער אַקט,
ווייל ס׳איז גאָר קיין שום לעצטער אַקט פאַראַנען.
און ערשטער ניט. קיין בליען און קיין וויאַנען,
קיין זיכערקייט פון פענאָמען און פאַקט.
ס׳איז שפּראַי אַלץ פון דיזעלבע קראַפט-פאָנטאַנען.
און ברענט די זון מיט פייער-הויך און באַקט,
און שטראָפט דער פראָסט מיט אייזיקן קאָנטאַקט —
צום\זעלבן שוירעש פירן אַלע באַנען.

און אַלעס איז ניט מער ווי אַ רעפלעקס.
און אַלע זאַכן זענען בלויז סימבאָלן.
און אומעטום הערש איך — איך האָמאָ-רעקס.
די צייטן זענען מיינע אָרעאָלן.

ווער שפּירט ניט, פילט ניט צווישן היינט און מאָרגן:
פאַראוים איז ס׳גרויסע וואונדער ערשט פאַרבאָרגן?

XII

פֿאַראוים איז ס׳גרויסע וואונדער ערשט פֿאַרבאָרגן.
דער טויט איז שיינבאַר. בלויז אַ צייטן־טרוים.
אַ דינער אויסגעטראַכטער צווישן־זוים
וואָס פֿירט פֿון ערשטן צו אַ צווייטן מאָרגן.
און דאָס וואָס איז אויף יענער זייט פֿון צוים,
איז ניט אין טפּיסע ביי די שוועסטער גאָרגאָן.
עס איז אין דיר, דו קינד פֿון פֿאַלשע זאָרגן,
וואָס זעסט ניט, ווי ס׳איז איינס אי צייט אי רוים.

אין דיר און דאָ. און וויפֿיל שוואַרצע שלייערן
עס זאָלן ניט פֿאַרדעקן ס׳וואָרע ליכט,
און ווי דאָס קלוימערשטע פֿאַרגיין זאָל לויערן —
זעסט וואונדער, אויב דו קוקסט זיי אין געזיכט.

קריגסט ענטפֿער, אויב דו ווענדסט צו זיי ס׳געבעט:
„אָ, וואונדער דאָ און דאָרטן, דורך מיר רעדט!“

XIII

אָ, וואונדער דאָ און דאָרטן. דורך מיר רעדט
דאָס שטענדיקע פאַרגיין אין באַנגן שימער.
דעם שיקזאַל׳ס „ניין” הויזט שטענדיק אין מיין צימער —
עס זינגט פאַרווירט אַ אידישער פּאָעט.
דאָך וויים איך, אַז איך בין דער אייגנטימער
פון ווילן־קוואַל, וואָס איז, געווען און וועט.
און אַז מיין פיין־געשליפענער סאָנעט
קוועלט אויך פון דאָרט, און זע! ער לעבט שוין אימער.

דאָס וואונדער איז ביי מיר קיין פרעמדער גאַסט.
דער ווילן צו דעם וואונדער איז מיין שוירעש.
פונקט ווי מיין שטאַם טראָג איך אַ וועלטן־לאַסט,
און וויים ווי ער: עס קומט טאָג־טעגליך קוירעש.

איך שטאַם פון טרוימער. כ׳הער אין לענדער, שטעט
זייער שטים אי שטיל, אי הויך, אי פרי, אי שפּעט.

XIV

זייער שטים אי שטיל, אי הויך, אי פרי, אי שפּעט —
מיך צווינגען הערן אַלע שיקזאַל־צוימער.
און פון דעם הערבסטס זיכרוינעס־שווערע בוימער
רופּט מיך אַ פאַרבן־הימן, אַ וועלט־געבעט.
איך צוים און טרוים. און מעג דער סומנער שוימער
פון אונטערגאַנג באַוואַכן אונז — ער וועט
נאָר מוזן העלפן זינגען אין דועט
דעם, וועלכער האָט געוויילט צו זיין אַ טרוימער.

אַ, שאַפן אין דעם שיין פון נאָנטן טויט!
אַ, ווער קאָן ווייִלן הערליכערע שטונדן?
זע, הערבסט צירט זיך אין וואונדערבאַרן רויט —
ס'איז ניט פאַרגיין, עס זענען לעבנס־וואונדן.

אויב טויט — איז רויטער, פאַרב פון פרישן בלוט.
גרויט דאָס פאַרגיין — העלט אויף דער גרויסער מוט.

XV

מיין לויב דיר, הערבסט, סעזאָן פון רייפן גאָלד,
אָראַנזש, וויאָלעט און טרוימענדע פורפורן.
אין דיינע צאַרטע, שטראַליקע קאָנטורן
ווערט גאָר מיין זעלן-פּלאָנטער אויפגעראָלט.
זיכרוינעס, בילדער, זעאונגען, פיגורן —
דער פאַרבן-זאַטער הערבסט מאָלט אַלץ און מאָלט.
יעטוועדעס בילד דערציילט: געקאָנט, געזאָלט,
אין אַלץ מיין איך׳ס פאַרגאַנגען-ווייטע שפּורן.

וואָס איז אַצינד אין שיינבאַרער אַנטראַקט,
ס׳איז דאָס פאַרגיין, נאָר ערעוו נייעם מאָרגן.
דו פילסט עס איז נאָך ניט דער לעצטער אַקט,
פאָראויס איז ס׳גרויסע וואונדער ערשט פאַרבאָרגן.

אָ, וואונדער דאָ און דאָרטן. דורך מיר רעדט
זייער שטים אי שטיל, אי הויך, אי פרי, אי שפּעט.

ראַסקאַ, נ. י., אויגוסט-סעפּטעמבער, 1922.

בלעטער

פאַרטרוויליכע בלעטער אויפ'ן פרילינג-בוים
איבער גרינער רו פון באַגולטע לאַנקעס.
אין ליכט פון מאַריוו-זון
הענגט איר לופּטיקע, זאַפטיקע,
ווי אַליין אין דער לופטן,
אָן אָנהאַלט, אָן צווייגן, אָן שטאַם און אָן וואָרצלען —
פלאַטערנדיק נאָר אויף אייער פאַרטרויען,
אויף דער פרייד פון פאַרטרויען.
אַזוי הענגען די טרויבן פון יונגן שניי,
די פרוכט פון וייטע, אייביקע שנייאיקע ביימער.
אַזוי הענגען מיינע טעג אין דער צייט.
און איך שפּיר דעם זאַפט פון די וואָרצלען,
דעם באַגער פון די קנאָספּן,
די פעסטקייט פון שטאַם,
דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין פון דעם גאַנצן בוים.

שאָטנס

אויף דער ווייסקייט פון מיין ראַלעט
קעמפן צוויי רויבערישע פייגל.
קרומע, מערדערישע שנאָבלען
שטעכן זיך אַריין אין דער ווייכקייט פון האַלז און קאָפּ.
צערייצטע, דאַרשטנדיקע שנאָבלען
פּאַקן זיך אין טויט־קלאַמער.
זיס איז דער זיג!
אָט ווירבלט ער אין פּאַריסענעם טריאומף,
און די נידערלאַגע ליגט מיט'ן שנאָבל אַרויף.
נאָר באַלד כאַפּט זי זיך ווידער אויף
און דער קאַמף ברויזט פונדאַסניי.
אומהיימליך.
מאַפּאָלע און זיג,
טויט־שרעק און גליק
אין רוישלאָזער שלאַכט —
און דער לויעריקייט פון נאַכט.

פאַר מיין פענסטער שטייען ביימער
ערנסט, שווייגיק, פאַרטראַכט.
זייערע יונגע צווייגן, פלעפערישע בלעטער
רירן זיך, רעגן זיך,
וויגן זיך, באַוועגן זיך
אין די פלירטנדיקע ווינטלעך
פון דער פרילינגדיקער נאַכט.

עטיוד

אין ווייסע קרייזן פון נייגעריקייט
פאַרש איך אַ שווייגיקער דיין לויטער געזיכט.
אַ העלזיכטיקע ליכטיקייט שפּרייט זיך מיט מיסטישקייט
פון דיר
איבער דער וויסטעניש פון מיין וועלט.
ביסטו נישט אַלץ פאַר מיר?
דאָך באַהאַלטסטו פון מיר דיין וואָרע געשטאַלט.
איך קען גאָרנישט דיך.
ביסט נית אויסברענגעריש
מיט דיין גענאָד.
נאָר פון דיינע צופעליקע שטראַלונגען
ווער איך, דער פאַרפאַלענער, געטרייסט און דערלייזט.
אַ מינוטן זעלטענע,
ווען פון זייער באַהעלטעניש
לייכטן אַרוים די שטראַלן פון דעם סאָד,
וואָס האַלט אונז, באַוועלטיקטע, מיסטיש צוזאַמען.
דאַן וויקלען אויך דיך ספּיראַלן פון נייגעריקייט.
דאַן ברענען צווייגיקער, ברענען דורכזיכטיקער
די קנאָספּן פון דיין ליכטיקייט,
און ווילסט מיך דערקענען —
ווי איך דיך.

LIONESSA

ליאָנעסאַ, מיין ליכט-געבוירענע!
אַ שטראַליקער קוואַל שטייגט פון דיין געשטאַלט
און פאַלט מיט זוניקער געוואַלט
אויף מיר.
איך גיב זיך דיר אָפּ אין פריידיקער אונטערטעניקייט.
העל-בלענדיק שטראָמט איבער מיינע גלידער
דאָס גאָלד פון דיין לייב,
און אַלע מיינע צווייפלען און אומרוען,
דאָס גאַנצע געלע זאַמד פון מיין ווידערשפעניקייט
ווערט צעשמאָלצן און געצאַמט אין איין ווילן:
צו דערפילן דיין געבאָט.
ליאָנעססאַ, דו לויטער, לויכטנדיק וועזן,
טאָכטער פון פריידיקע אַסטראַלע פעלדער,
קאַלע פון לאַכנדן זונגאָט:
הייב זעליק דיין פאַדערהאַנט אויף
און לאָז זי פאַלן מיט קראַפט אויף מיין קאָפּ.
וואָס שטאַרקער, וואָס שטאַרקער,
אַן ראַכמאָנעס, אָן שוינונג.
זע!
איך גיי אויף אין דיר און מיט דיר —
אַ לויכטנדער זייל
צום זיבעטן הימל.

שנײ

דער שנײ שרײַבט װײַסע לידער
אויף גרויע שויבן און געלע װענט.

שטורעמס און טורעמס

שנייאיקע ווייטן
אויף בערגלעך פון ערד.
ווייסע אומענדליכקייטן, צעשטערט און פאַרצערט אויפ'ן שפּיץ פון אַ שפּיז,
אויפ'ן שפּיץ פון דעם טורעם פון וואָלוואירט.

„וואו זענען די פּאַראיאַריקע שנייען?"
Villon , מיין ברודער, Maitre Villon,
דו האָסט ניט געזען
דעם טורעם פון וואָלוואירט
אין אַ שטורעם פון שניי.
דו האָסט ניט געזען דעם אינטראָספּעקטיוון צייכן,
וואָס צעמענטענע הייכן מיט טויזנט עלעקטרישע שטערן
(יעדער דאָס מאַזל פון אַ העלאַאיז, אַ בעאַטריטשע, אָן אַלים)
שפּיזן אַריין אינמיטן פון שנייען,
אינמיטן פון מענשן, רעלסן, אויטאָמאָבילן.
דו האָסט נאָר געוואוסט, אַז אייביק איז דער ווילן,
וואָס פאַרווייט די שנייען פון פאַראיאָרן,
אייביק דער זיקאָרן, וואָס געדענקט זיי,
אייביק די האַנט וואָס זייט ווייסקייט אין דער וועלט.

אַזוי ווייס איך,
אַז אייביק איז די האַנט, וואָס בויט טורעמס,
און אייביק דו און איך —
די געדענקער,
די ווייסער,
די שאַפערס.

לאָרעליי

אַ גרייזע לאָרעליי זיצט אויף אַ וואָלקן,
קעמט זיך די זילבערנע האָר
און שפּינט די ווייסע לעגענדע פון שניי.
הייזער,ביימער — זילבערנע מיראַזשן.
אַלע מענטשן — ווייסע פּאַזשן פון דער קיניגין,
געקומענע מיט איר
פון אַן אַנדער וועלט.
איך לאָז זיך אין אַ פלינקן שליטן
צו דעם לאַנד פון ווייסע מיטן.
די לייצעם אָפּ.
קאָפּ אַראָפּ.
פּראַסטיקער גלי.
איך פלי אויף אַ ווייסער פּאַסמע
אַוועק.
פאַרגליווערט. שטיל.
זאָל די זילבערדיקע טאָן וואָס זי וויל.

פעברואַר־נאַכט

לעוואָנעדיקע, קאַלטע דיסקן.
בלאַנקע מעסער־קלינגען.
גרייזער, ווייזער שימער אין די אויגן און אין האַרץ.

יעדע שיינקייט טוט וויי.
און די פּראַכט פון שנייאיקע, נאַכטיקע קופּאָלן
קלעמט מיט פּאָלירטע שטאָלענע רייפן דעם האַלז.

בלויער שניי —
און דער אומעט־ווייטער בליק פון דער פרוי,
וואָס זעט בלוי,
טרוימט וויים,
און וויים,
אַז אַלץ פאַרמישט, אַלץ פאַרווישט דער פּאַס פון גרוי.

בלויער שניי —
און דאָס האַרץ פון דעם מאַן,
וואָס פילט פונדאָסניי אין דעם רוף פון שניי
די ווייסקייט פון זיינע באַגערן,
און באַהעפט דעם רוף
אָן דעם בליק פון דער אַנטוישטער פרוי.

...און די פעברואַר־נאַכט איז צו שיין —
אפילע צו זיין צערטליך.

ווייס און בלוי

שניי-בלויע נאַכט, אַ פעסט פון זינד ביסטו,
אַ יאַנטעוו, ראַפינירט און מאַיעסטעטיש.
דיין פרייד איז פלייש-און-בלוטלאַז, איז סקעלעטיש.
דיין שיינקייט איז פערוועזע קלוימערשט-רו.

דיין לוסט איז בליאַסק פון שווערדן, ניט פאַטעטיש.
צוויי שאַרפן ציען זיך איינס ס׳אַנדערע צו.
דער בלויער שטיר באַשלאָפּט די ווייסע קו.
אַן אָרגיע און די מאַסקע איז אַסקעטיש.

איר בוזעם, קיל און רונד, אַנטבלויזט די ערד,
דער הימל שניידט מיט בלויען בלאַנקן שווערד
די כיטרע און געניטע קורטיזאַנע.

דאָס ווייסע לייב עמפּאַנגט אין זיין באָקאַל
דער ליבעס פלום, וואָס גלאַנצט ווי בלוי מעטאַל,
און ליפּן שעפּטשען פרום-פּאַרטיפּט: „אָסאַנאַ“.

נאָוועמבער

I

מעלאַנכאָליש גרין פון נאָוועמבער,
ווי זאַפטיק ברוינסטו היינט פרי אין קראָטאָנאַ־פּאַרק
ווי רירסטו מיך היינט, קראָטאָנאַ־פּאַרק,
אין דיין פייכטן טול פון נאָוועמבער.
אין דיין נעפּלדיקער צוריקגעצויגנקייט
שמייכלסו דורך טרערן,
און אין דיין ערפּאַרן־צאַרפולן שמייכל
ווייסלען זיך זיכרוינעס פון בעסערע טעג.
אַזוי שמייכלט אַ פופציקיאָריקע דאַמע
מיט שפּאַקולן אויף די אויגן
איבער אַ ראָמאַן פון יונגן לעבן,
און אין אירע אויגן־ווינקלען
פינקלען פייכטע פּערל.

II

נאָוועמבער.
היינט ביסטו צוגעקומען אַ נאָנטער, אינטימער, דערקענטער
צו דעם געשפּאַן פון די צוועלף ערן־פּאַזשן,
וואָס פירן די עקיפּאַזשן פון מיינע געצייכנטע יאָרן
אויף דער ערד.
היינט האָסטו זיך אַנטפּלעקט פאַר מיין זיקאָרן
מיט דיין אייגן ליכט און לעבן,
און אויפגעהערט צו זיין אַ נאָמען אויפן קאַלענדער.
יעדער טאָג האָט זיין פאַרב,
יעדער מאָנאַט — זיין קלאַנג.
ביז היינט האָט דיין נאָמען ניט געקלונגען
אין דער קאַמער פון מיינע זיכרוינעס.
אָבער היינט האָסטו זיך צאַרט, אומערוואַרט
פאַרגעשטעלט פאַר מיר,
מיט דעם גראַדן ברוינעם שרונט אויף דיין גרויליכן קאָפּ,
מיט דער דורכזיכטיקער מעלאַנכאָליע
אין די ווינקלען פון דיינע ליפּן.
גלייך אין דעם האַרץ
האָט געדרונגען דיין בליק
דורך דעם וואואַל פון דיינע נעפּלען,
און אינטים האָבן מיינע ליפּן גענומען פרעפלען
דיין נאָמען.

פאָרטרעט

פון שטערן ביז דעם קין אַ שנעל־געיעג פון שפּיצן.
ווי ס׳וואָלט דעם הימל דורכגעקרייצט אַ נעץ פון בליצן
און פאַרגליווערט גאָלדיק שאַרף און העל.
שפּיצן־נעץ, וואָס ווערט אַלץ מילדער, ווייכער,
גאָלד־געבליאַסק, וואָס ווערט אַלץ מאַטער, בלייכער,
און צעוועלבט זיך ביז דעם שפּיץ פון פוס אין ווייכער, כוואַליענדיקער
וועל.

אַ יונגפרוי־קנאָספּ, וואָס וויל נאָר קנאָספּיש טרוימען,
און טרויערט אויף דער צייטס ווירוואַריש שוימען,
וואָס וויל דאָס אימאַבילע וועלט־בילד צוימען
מיט שפּילן פון קאָלירן און סעזאָנען.
ניט אירס — דאָס זומער־לאַנד. איר רייך — דאָס אָנען
פון פרילינג, פרילינגס טונקל־טויאיקע באַגערן,
דאָס האַרן פון די קנאָספּן און קאָקאָנען,
דאָס זעליק ניט־ערפילטע ווערן.

דער באָרג

סימעטריע

סימעטריע —
ריטם אין שטילשטאַנד.
אָפּרו אינמיטן באַוועגונג.
באַוועגונג אין איבער־רוים.

סימעטריע —
גימאַטריע פון מיסטעריע.
מיסטעריע פון ריטם
אויף יענער זייט זוים
פון צייט און רוים.

סימעטריע —
פּאַנים פון אַלץ וואָס האָט לעבעדיקן אָטעם.
דראַנג פון דוימעם וואָס גאַרט צום לעבן.
געשטאַלט פון פלאַנץ און כאַיע.
אור־בענקשאַפט פון מאַן און ווייב.

מיין געזאַנג צו דער סימעטריע
פון מאַן־ווייב־פּאָנים,
פון מאַן־ווייב־לייב.
מיין געזאַנג — דער ריטם פון איבער־רוים,
וואָס האָט דאָס לעבעדיקע לייב צעשפּאָלטן
אין צוויי.

אַ לאַמענט
פון צווישנלענד,
וואָס גאַרט צום אָנהויב,
צום סאַקראַמענט
פון פאַרריכטן גאַטס פאַרבלענד.

קאָנוועקס —
און קאָנקאַוו.
(וויינענדיקער רעפלעקס
פון שקלאַפין און שקלאַף,
וואָס קאָנען זיין גאָט!)
דאָס ליד פון צוויי,
פון צוויי וואָס ווילן זיין,
וואָס זענען דאָ בלויז צו זיין —
איין.

פּאָנים צו פּאָנים געווענדט.
לענד אויף לענד —
איין.
ריטם מיט ריטם געברענט,
ריטם אין ריטם פאַרלענדט —
איין.

סאָד פון סאָד און יעסאָד.
פרייד פון שעד און פון גאָט.
בליץ פון שפיז. מעשוגאַס.
פלאַנצער און זאָט.
זעליקייט. האַס.
עקסטאַז.
אחד!

זיכרוינעס

געלע, ברוינע זיכרוינעס
פון פאַלנדע, שאַרשנדע וועלטן.
צאַרט־גרינע.
העל־גרינע.
שטויב־גרינע.
געלע און ברוינע
וועלטן.
טאָג — יונג־אויפגעהעלטער, אָדער גראָ־פאַרגעלטער,
נאַכט — שאַפונג־פריידיקע, אָדער סומנע־באַשיידיקע, —
זיכרוינעס, זיכרוינעס.

טיפער, שווער־אָטעמדיקער וואַלד.
פאַרכטזאַמע געשטאַלט פון בליץ.
זיין ציינער־קריץ, גערעכט און מאַכטיק.
זיין אומראַכמאָנעסדיק, אַנטשלאָסן־פלאַמענדיק געזיכט,
ריייניגענדער וואַסערפאַל פון הימל.
ליבליכע האַווטאָכע פון זון.
קרישלדיקע, ברוינע, געלבליכע זיכרוינעס
פון פאַלנדע, שאַרשנדע וועלטן.

וויל איך צוריק צו די געצעלטן, וואָס כ'האָב געלאָזן אויף די ברעגן פון מיינע טעג,

פאַרש איך דעם וועג, וואָס ציט זיך ווייטער, ווייטער —
קרישלדיקע, ברוינע, געלבליכע זיכרוינעס
פון דעם געוועזענעס,
פון דעם קומענדן.

דער צייכן

אַ האַנט,
אַ ווייסע, דורכזיכטיק-קלאָרע,
האָט אַמאָל מיט שריפט פון פּליסיקער לויטערקייט
אָנגעשריבן אַ וואונדערליכן צייכן
אין דער טונקלקייט פון מיין וועזן.
ווי איך מאַטער זיך ניט צו לעזן דעם באַשייד —
ער דרייט זיך פלינקערהייט אַרוים.
צומאָל גיט עס אַ בליץ אויף.
כ'דערמאָן זיך אָן אים.
העלט די שטים פון פרייד —
שטיל-סובטיל, סובלים-אינטים,
און כ'זע אַלץ,
ווייס אַלץ.
נאָר בלויז אַ ווייל
איז קלאָר דער פריידיקער באַשייד.
דאַן דרייט ער פאַרשייטערהייט זיך ווידער ארוים.

איך ווייס:
דער זין פון מיין גאַנץ לעבן
ליגט אין דעם ליכטיק-בלייכן, זעלטענעם צייכן,
וואָס יענע האַנט האָט דאַן פאַרשריבן.
נאָר כ'קאָן נישט גרייכן אַפילע צום ראַנד
פון זיין באַשייד.

איז עס בלויז דער טויט?

אין ווייסן ליכט

איך בין אַן וואָרצלען.
אַ קריכעדיקע פּלאַנץ.
נישט קיין קריכפּלאַנץ — שווימענדיק גראָז פון יאַם.

יאַמגראָז שפּרייט זיך, שפּרייט זיך.
פעסטער קנויל דאָ.
לויזער שליים דאָרטן.
לאַנגע, דינע, ווייט-פאַרצווייגטע אָדערלאַך —
נאָך ערגעץ אַנדערש.
און איבער דעם יאַמגראָז,
ניט פאַרבונדן,
אין ווייסן ליכט געצונדן —
אַ קאָפּ.
קאָפּ טראַכט.
איז דאָ און דאָרט.
זוכט דאָס וואָרט.
זעט היינט און נעכטן און מאָרגן.
קאָפּ איז אייביק.
און איבער דעם קאָפּ — פליגלען.
ניט פאַרבונדן,
אין ווייסן ליכט געצונדן.
פליגלען רייסן זיך.

גרייכן אין די נידריקסטע גרונטן און אויף די העכסטע שפּיצן.
בליצן און קלאַפּן אין אַלע ריגלען.
פליגלען זינגען דאָס געזאַנג
פון איינסאָף.

יאַמגראַז,
קאָפּ,
פליגלען —
ניט פאַרבונדן.
איך אײנגאַנצן,
אין ווייסן ליכט געצונדן —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אימאָביל

אָן קאָליר.
פאַרביי מיר קיין קלאַנג, קיין פאַרבן.
ווינטן שטאַרבן און בלייבן הענגען אינמיטן פלי.
אין גלי פון זון ניט וואַרעם, ניט קאַלט.
אין האַרץ פון יאַם אַ וואַלד.
וואַסער, פלאַנצן, כאַיעס — איין געשטאַלט מיט אַ סאַך פּנימער.
קנוילן, שיילן זיך פון צייטס קרייז אַרוים — וועלטן, יאָרן.
נאָר אָן אַ ריר.
ניט גייען — שטייען אין דער וויסטא פון זיקאָרן.
אויפ׳ן שפּיץ פון עווערעסט,
וואָס פאַרגעסט, אַז ער איז אַ באַרג געווען,
לענט זיך פאַרגליווערט אָן דער דיסק פון זון.
פון אַ באַשטימטן אָרט שטייגט, צו אַ באַשטימטן ציל
שפּיזט — דער אומראַכמאָנעסדיקער אָבעליסק
פון רואיק־אַנטשלאָסענעם ווילן.
אויבן איז אונטן.
אויבן, אונטן — איינס.
אַלץ איז איינס.
אַלץ איז.
בלויז איז.
שטיל.
אימאָביל.

איך קום פון אַביסיניע

איך קום פון אַביסיניע.
אַ ווייסער אַביסיניער,
און בין —
אַ פרעמדער.
וואָלט איך געווען שוואַרץ,
וואָלט מען מיך פלינק אויסגעלייגט און אויפגעראָלט
און געלייענט ווי אַ מעגילע אויף שוואַרצן פּאַרמעט מיט אויסיעס פון גאָלד.

נאָר איך בין העל.
שנאַפּן פאַרדאַכטן אַרום מיין שוועל.
מיין בלאָנדקייט —
עפשער לויער איך ביים גאָלדענעם טויער אין דער דעמער־שאָ
אָפּצובייסן אַ שטיקל זון.
מיינע בלויע אויגן —
עפשער רייב איך זיי אָן מיט טורקוזן אום האַלבענאַכט,
ווען די טויטע קומען פון די קוואָרים,
און די מעכאַשפים האָבן זייער שליטע.
עפשער בין איך אַליין פון אַשמעדאַים סוויטע.

ס'אַראַ וואונדער, אָ עדגאַר,
וואָס אין די קינדער־צימערן
פאַרבייט נאָך ניט מיין נאָמען — די שוואַרצע קאַץ און דעם וואולקולאַק.

די זון פאַלט שנעל...

די זון פאַלט שנעל הינטער די גרויע פעלזן
פון סאַרדיניע.
לאַנגזאַם גליטשט זיך מיין האַרץ
איבער די בלויע טאַפּעטן
פון דעם מיטל-לענדישן יאַם.
אַ רעגע נאָך —
די זון וועט ניט זיין.
הימל, זון, מיין האַרץ, די טאַפּעטן —
איין שטומער רוף פון טויזנט געבעטן.
איין שטילע, שטילע פאַרטאַיעטע טפילע.
ניט בלוי, ניט גאָלד, ניט רויט — וויאָלעטן.
באַרוט.
כאַטש נעם און שפּרינג אין יאַם אַריין.

„דואיליאָ“, יוני, 1924

צו איינער, וואָס איז אַוועק

אונטער גרין גראָז און ווייסן מאַרמאָר
שלאָפֿן דוירעס מענשן.

יאָר נאָך יאָר לעבט ווידער, גרינט ווידער דאָס גראָז.
טאָג נאָך טאָג קומען צו נייע מאַצייוועס.

וויפיל פרייד האָט געוויט פון דיינע צירליכע גלידער.
וויפיל ליכטיקע אוזאָרן האָבן זיך געוועבט פון דיין ווייבליך וועזן.

איצט שלאָפסטו מיט די אייביקע דוירעס.
נאָך אַ כאַלעם צירט דאָס גרינע גראָז און ווייסן שטיין.

אַ זון־פּאַס האָט אַ שפּיל געטאָן אויף די פאַרהאַנגען פון היינט.
דאָס גאָלד אַליין האָט זיך צוריקגעקערט צום גאָלדענעם מאָקער.

האָט געזאָגט...

...האָט געזאָגט דער גרייז
מיט די אויגן ווי אייז,
מיט דער באָרד ווי פּאַסמעס לעוואָנע.
און זיינע ווערטער זענען געפאַלן,
ווי קאַלטע שטראַלן פון דער לעוואָנע:

וואַרף אַוועק, וואַרף אַוועק
די קליידער און הילעס,
וואָס וויקלען דיך אַרום.
ווי דער שמעטערלינג פון וואָרים
קריך ארויס פון די איבעריקע, פרעמדע הויטן.
אַ בלאַט איז גרין,
דערנאָך געל,
ברוין,
דאַן שטויב.
ווער קלענער פון דעם שטויב,
וואָס בלייבט פון אַ בלאַט.
זיי דיין אָנהויב.
זיי דיין אָנגעצייכנטער צייכן.
דער לעצטער פינקל פון אויג
ביי אַ שטאַרבנדער כאַיע?
דער בליץ פון אַ שפּיז
אין דעם פּאָך פון אַ באַזיגטן?
דער אָפּשיין פון סיריוס
אין דער שאָל וואַסער,
וואָס אַ דאָרשטיקער לייגט-צו צו די ליפּן?

זיי דאָס און קלענער ווי דאָס,
ביז דו וועסט ווערן דו,
ביז דו וועסט קאָנען זאָגן:
איך בין.
און דו וועסט זיין —
איבער לענג און ברייט,
איבער טיף און הייך,
איבער אַלע לענגען און ברייטן,
איבער אַלע טיפן און הייכן.
האָט געהערט דער יונג
מיט די האָר, ווי שמייכלען פון זון,
מיט די אויגן, ווי פיילן פון גאָלד.
און גאָלדענער טרויער
האָט אַנגסטיק געקוקט אין דעם טויער
פון זילבערנער פרייד.

ווײַס־אײזיקע זונען...

ווײַס־אײזיקע זונען
אויף הימלען פֿאַרגלײזטע.
קיל ליכט וואָס ווײַס ניט קיין שײַנען,
קיל ליכט פֿון העלזען
אין אַ קאָפּ פֿון קרישטאָל,
מיט אָנצאָליקע שפּיצן און זײַטן קרישטאָל.
יעדע זײַט — ערגיץ אַנדערש געקערט
און כאַפּט אויף ווי אַ שווערט יעדן אָטעם, יעדן הויך.
אַלץ וואָס געשעט,
אַלץ וואָס איז,
וואָס מען טראַכט, וואָס מען טוט, וואָס מען זאָגט —
שפּילט מיט פֿאַרפֿרוירענע בליצן,
מיט מעסערדיקע בלענדן,
אין דעם קאָפּ מיט די שפּיצן.
ער דאַרף נאָר וועלן זיך ווענדן.
אַלצוזעענדער שטראַל
איבער דעם קרײַזנדן וואַל
פֿון דעם געוועזן און דעם וועטזײַן.
בליציק־שפּיזיקער שפּראַי
איבער פֿאַרריגלטע טויערן,
פֿאַרזיגלטע שלײַערן,
איבער סוידעס פֿון טורעמס און גרונטן.
אַ קאָפּ פֿון קרישטאָל,
פֿון אײזיק־פּאַסיוון קרישטאָל.

און אונטן,
צווישן די מוירע־געקאָרטשעטע פּליִיצעס —
אַ האַרץ.
איז עס אַ שוואַרצע נישטפֿונדאַנענדיקע פלאַנץ,
וואָס דער בראַנד פאַרצוקט זי בייטאָג,
און דער טוי עסט זי אויף ביי דער נאַכט.
איז דאָרט אַ טרויער —
אַ שלאַנג, וואָס שלינגט זיך אַליין איין מיט לאַנגזאַמע שלונגען
און פאַרקנוילט זיך אומענדליך.
איז דאָרט אַן אומעט —
אַלע האַרבסטן פון אַלע לענדער און צייטן
האָבן דאָרט זייער זריע פאַרזייט,
די שאָטנס פון אַלע דעמערדיקע שאָען
האָבן זיך דאָרט ווי פעלדער, גראָע נאָכ׳ן שניט, געשפרייט.
אייביקער האַרבסט.
אייביק פאַרגיין.
שווערט־דינע שאַרף
צווישן יאָ און ניין.

פרעגט דאָס האַרץ אַלע טאָג
ביים לויטערן קאָפּ:
יעדער היינט האָט אַ מאָרגן.
יעדע נאַכט געבערט טאָג.
דיר איז קיין זאַך פאַרבאָרגן.
צו וואָס? צו וואָס? — זאָג.
דו ביסט בלענד העל־געשפרייטער.

מיר איז טונקל און שווער.
וואו פירט עס דער לייטער?
ווער מעסט אים אָלץ, ווער?

ענטפערט ניט דער קאָפּ.
קוקט,
און זעט,
און ווייס,
און שווייגט.

ציטערט דאָס האַרץ אויף שווערטישער שאַרף,
נאָר עס געשעט ניט דער שניט.
גוט — די גרויליקע העלקייט פון קאָפּ.
גוט דער צאַפּלדיקער דעמער פון האַרץ.

דער באַרג

חאָט דער באָדיסאַטוואַ געזאָגט צום טאַלמיד:
אָט דער באַרג שאַרבנס ביזטו.

פון לאַפקאַדיאָ הוירנס
„יאַפּאַנישע גייסטער־מייסעס“

...און אז ער איז געקומען,
איז ליכטיק געוואָרן אין אים
מיט אַ געפרוירענער ליכטיקייט.
הימל און ערד
האָבן אויף אים געאָטעמט
מיט אַ פאַרגליווטער, קאַלטער שיין.
ער איז געבליבן שטיין,
און איבער אים האָבן געהאָגלט פיילן שרעק,
שרעק פון שטעכעדיקן זען,
פון קלאָרן, שניידיקן וויסן.

דער באַרג איז אַלץ געוואַקסן.
געל, קאַלכיק, קרישלדיק.
און לעכערדיק האָט זיך דער באַרג געשמאָלט און געשפּיצט.
שאַרבן אויף שאַרבן —
דער באַרג האָט געשטייגט און געקלעטערט,
שאַרבן אויף שאַרבן —
דער באַרג האָט אים מיט האַרטע, ווינקלדיקע אָרימס אַרומגענומען.

וואו ער האָט זיך געקערט,
האָבן איםביינער דאָס לייב אומהיימליך געקילט.
אומעטום דער באַרג,
דער גרויסער,
פאַרמויערנדיקער,
אומפאַרמיידליכער.
ניט צו אַנטלויפן,
ניט צו אַנטרינען.

האָט ער געקוקט,
און זיין גאַנץ וועזן איז געוועזן אויגן,
זיין גאַנץ לייב — שרעק.
פינסטערע אָנונגען,
בייסיקע ציינער פון זיקאָרן —
און צוגענאָגלטקייט.

האָט פון האַרץ פון באַרג אַרויס,
פון דער איינגעווייד פון די שאַרבנס,
זיך געקרויזט אַ שטים.
אָן ווערטער האָט זי גערוישט איבער אים,
אָבער איר מיין האָט ער פאַרשטאַנען.
און דער מיין האָט געגליווערט איטליכע צעל,
יעדן קערן פון זיין לייב.
די שטים האָט אים מיט קאַלטן פייער געצייכנט,
וואָס ער האָט שוין אַליין געוואוסט:

„דאָס ביזטו דו!
דו.
יעדן שאַרבן האָבן דיינע אָקסלען געטראָגן,
געקריצט דיין נאָמען אויף די לוכעס פון דער וועלט.
אין איטליכן דיינס אַ וואונש, בענקשאַפט, פאַרלאַנג, האָפענונג.
שטויב פון שטויב
זענען איצט דיינע אַמאָליקע באַגערן,
ווירבלען פאַרלוירענע
אין דעם טהום פון די צייטן.
אָבער דיין די אַכראַיעס.
אַלץ געוואויגן, געמאָסטן.
באַזין דיינע נעמען.
לייז אוים!
אַ ווייל האָט דער באַרג זיך רוישלאָז געוויסלט,
אַ רעגע האָבן די לעכער אין די שאַרבנס טויט געטונקלט.
מיט אַמאָל איז אַ נעפל געפאַלן אויף זיי.
די קנאָכן האָבן פאַרלאָזן זייערע ערטער,
דער באַרג האָט זיך אויפגעהויבן,
זיך געקייקלט אין דער לופטן,
געדרייט זיך אין כאַלעל,
ווי אַ גרויסע, ווייסע קויל.
פון די הײלן פון צייט,
פון די אָפּגרונטן פון פאַרגאַנגענע וועלטן
האָבן זיך געצויגן אָקסלען, הענט, פיס
אַריין אין דעם נעפל
און זיך באַהעפט, געקייקלט מיט דער ווייסער קויל,
וואָס איז געוואָרן אַלץ גרעסער,
אַלץ רוישעדיקער.

און ווען דער נעפּל האָט זיך ווידער אָפּגעטאָן,
זענען מענשן אין זייערע פולע געשטאַלטן
אויסגעוואַקסן אַרום אים.
איטליכער מיט זיין פּאָנים, איטליכער מיט זיין צייכן.
מאַכנעס פרעמדע און אומווילּיק אייגענע, דערמאָנענדיקע מענשן
אין דער ברייט און אין דער לענג,
ביז די ברעגן פון די מאַכנעס האָבן זיך פאַרלוירן
ווייט הינטער דעם בויגן,
וואָס צווישן ערד און הימל.

האָט ער מיט אומדרייסטער נייגעריקייט באַטראַכט
דעם סומנעם באַצווינגענדן אוילעם,
און איבער דעם לעבעדיקן בעסוילעם האָבן צווישן די פּיילן אַנגסט
אַ פלאַטער געטאָן
ווייסע פליגל האָפענונג :

האַלט די וואָג דער גרויסער וועגער,
שווערט דאָס שלעכטס אַראָפּ מיין שאָל.
נאָר איז ער אַ בייזער יעגער,
וואָס זוכט רויב אין פלאַכן טאָל ?
קוקט אויף מיר, איר פיל געשטאַלטן,
מיינע איכן, קוקט אויף מיר.
כ'האָב געקרומט, נים צו באַהאַלטן,
נאָר כ'האָב אויך געזוכט די טיר
צו די שטראַמעדיקע ליכטער,
וואָס צו זיי באַגערט מיין זעל.

זאָל זיין שטרענג דער שטרענגער ריכטער,
נאָר גערעכטיק זיין באַפעל.
ס׳קומט פון לויטערקייט מיין זאָמען,
ס׳עסט מיך זאַמד, איך זוך דאָס גאָלד.
ווייזט מיר ניט, וואָס א י ז מיין נאָמען,
ווייזט מיר וואָס איך האָב געוואָלט.
כ׳האָב געזינדיקט, שווער פאַרבראָכן,
כ׳האָב אויך ס׳הארץ מיט גוטס געקריצט.
ווייסע טעג פון מיין ניצאָכן,
שטייט מיר ביי, פאַרלאָזט ניט איצט.

ער האָט דרייסטער געזאָפּט אין זיך
די בליקן פון דער מאַכנע.
אָבער ווי ער האָט געפּאָרשט די פּענימער,
געעפנט די טונקעלע געוועבן,
וואָס האָבן זיך געוויקלט, געראָלט,
פאַדים נאָך פאַדים,
פון זייערע שטערנס, מיילער, אויגן,
זענען די ווייסע פליגל צעריסן, צעשטויבט געוואָרן.
שפּיציקע צינגער כוישעך האָבן קאַלט און ווינטיק
געלעקט זיין האַרץ.

ער האָט געזען:

ראַצחים, זוינעס, נויעפים,
טאַליוינים, מאַסרים, פאַררעטער,
פרעסערס,
שיקורים,
מאַכשייפעס,
אָפּנאַרערס,
שווינדלערס,
גאַנאָווים.

האָט ער זיך געוואָלט אָפּקערן,
אַרויסרייסן די ריע פון די אויגן.
האָבן אַלע בייזע, רישעסדיקע קוילעס פון דער וועלט
געשטאָכן זיינע אויערן.
האָבן די יאָמערן און זיפצן פון אַלע געפּייניקטע
ביי אים רעכנשאַפט געמאָנט.
פון אַלעמענס אויגן האָבן אויף אים געפּאָכט פייערן סינע.
אַלעמענס הענט האָבן זיך אָנטקעגן אים מיט באַשולדיקונג געשטייפט.
און די אומראַכמאָנעסדיקע שטים
האָט מיט ווייטער גלייכגילטיקייט
אים ווידער אָנגעזאָגט:

„דאָס אַלץ ביזט דו!“

האָט ער אין אַ לעצטן פרואוו
זיינע בליקן ווי אַ נעץ איבער דער מאַכנע געוואָרפן,
געוואָלט פאַנגען איין געשטאַלט.

אַ סומנע דערמאָנונג
האָט אים צוריקגעבראַכט
צו אַ טויבן טאָג אָן הימל און אָן אָטעם,
צו אַן איינזאַמען, איינגעהויקערטן בוים אין פעלד,
צו אַן אומעט,
וואָס האָט זיך אַליין געוואָלט פון וועלט און צייט אַרויסרייסן.
אַ שטריק אויפ׳ן האַלז — מיט אייגענעם ווילן.
קאָפּ, הענט, פיס,
ווי אַן אָפּגעבראָכענער צווייג
פון דעם הויקערדיקן בוים —
אונטערטעניקע העלצער אין ווינט.
ער האָט געזוכט,
האָט די געשטאַלט אַליין גענענט צו אים,
זיך געוואָלט אויסגלייכן,
און געבליבן שטיין איינגעקאָרטשעט, צעוויטיקט.
אירע אויגן זענען געווען מאָנענדיקער, שפּיזיקער,
ווי ביי די אַנדערע,
די הענט פאַרשטייפטער, סינעדיקער, געלער.
און דער לויזער קאָפּ
האָט מיט וויסטן חוזק
זיך געדרייט

נאָך לינקס,
נאָך רעכטס:
ניט צו פאַרמיידן,
ניט צו אַנטרינען.

איז די ערד אַנטלאָפן פון אונטער אים,
און דאָרשטיקע מיילער האָבן געגריזשעט זיינע קני.
דער הימל, די גאַנצע וועלט איז מיט שאַרפע שטיינער
געפאַלן אויף זיין קאָפּ,
און זיך דרייעקיק איבער אים געשפּיצט.
פון די ווינקלען און קאַנטן
האָט די ווידערשפּעניקייט געלויערט מיט ברייטן, צעפּראַלטן מויל.
זי האָט פאַרמיאוסט דאָס גוטסקייט,
פאַרטונקלט דעם יוישער,
און געלאָשן דאָס לויטערע פּאָנים פון ליבע.
וואָס האָבן צווישן דער מאַכנע,
דאָ און דאָרטן,
געטוליעט זיך צו די ראַנדן,
פאַרשעמטע,
איינגעשרומפּענע.
און די לעסטערונג האָט העפקערדיק געשריגן,
זיך געריסן אין זיין פאַרווירונג אַריין:

זיצט דער אַלטער, מאַכטיקער, מיט לאַנגער באָרד
אויף אַ טראָן און מ׳טראַכט פאַרבאָרגענע געדאַנקען.
זיצט ער אויף דעם טראָן, און טראָגט זיך דאָ און דאָרט.
די מאַכשאָוועס זיינע לויכטן אויף און צאַנקען.
האָט ער גרויסע ווילנס, בויט ער גרויסע פּלענער,
שפּילט ער זיך אָן אויפהער, פורעמט און פאַרוויסט.
זאָגט ער: דאָס איז שיין, און דאָס איז נאָך פיל שענער,
דאָס איז הייליקייט, און דאָס איז שטויב און מיסט.
טרייבט ער לעבנס-קרייזן. אים איז אַלעם גרינג.
שליידערט אַלץ דעם מענש אין קראַמף פון שלעכטס און ווייטיק:
זאָל דער מענש זיך דרייען, וואַקסן רינג נאָך רינג.
אַלעם איז געמאָסטן, אַלעם איז אים נייטיק.
ווייטיק וועט אים שלאָגן, פּרוּוון אָן ראַכמאָנעס,
וועט ער זען: דאָס מעסער שניידט אויך אויף צוריק.
ביז פון מערדערס ווערן היילערס און מאַדאָנעס,
פון די ליידן שפּינט זיך אוים אַ העלע בריק.
בויט דער מאַכטיקער אַלץ פּלענער. און פאַרבאָרגן
ליגן אַלע וועלטן אונטער זיינם אַ ברעם.
פּרוּוון זענען אים דעם מענשנס פּיינען, זאָרגן,
שטאַפּלען פאַר דעם ערליך-געטליכן פאַרנעם.
אַלץ איז ער. פון זיינם אָן אָטעם ווירבלט, קלעטערט
אין דעם רוים אַ וועלט. אַ בליק — און ס׳ברענט אַ זון.
וויל ער — ווערט באַלד אַלץ אין נישטיקייט צעשמעטערט,
און זיין גרויסקייט ניט געמינערט ווערט דערפון.

און ער זיצט. ער שוועבט. פאַרטאָן אין זיך אַליין.
פורעמט אַלץ און פורעמט, שאַפט און קלעפּט געדולדיק.
טוט זיך אוים די הייליק־שטראַלנדיקע קרוין,
צייכנט מיט אַ געניץ: דער און דער איז שולדיק.

שולדיק!
שולדיק!
דער צאָרן האָט מיט בעלמעם אויף די אויגן
אים ביים האַלז געוואָרגן.
ער האָט אַנטקעגן דער אָנצאַליקער מאַכנע
זיינע פויסטן געביילט,
און שוואַרץ־רויטע שפּיזן
זענען פון זיין מויל געפלויגן,
וואַנזיניק די לופט געשניטן:

אַלמאַכטיק זיין ווילן, און איך זיינס אַ פונק.
דער פונק וויל ניט וויסן זיין סאַד און זיין וואונק.
איך איינער אַנטקעגן אייך אַלע און אים
הויב דאָ אויף מיין איינזאַמע, מאַכטלאָזע שטים:
פאַרשאָלטן! פאַרשאָלטן! פאַרשאָלטן!

ניט איך האָב געקליבן, געוואויגן, געוויילט,
ניט איך האָב געמאָסטן, געפורעמט, געטיילט,
איך וואַרף זיינע פּרוואוון — מיין לעבן צוריק,
אַלץ איינס, צי ביים סאָף וואַרט די שטראָף אָדער גליק.
פאַרשאָלטן! פאַרשאָלטן! פאַרשאָלטן!

אנטקעגן דער וואַכיקער, אייביקער מאַכט,
וואָס האָט מיך צום וואָגן פון שוואַכקייט פאַרפּאַכט,
אַנטקעגן דעם געטליכן האַרצלאָזן שפּיל
דרייסט וואַרף איך מיין מענשליכע מאָנונג: ווער וויל?
פאַרשאָלטן! פאַרשאָלטן! פאַרשאָלטן!

געגליטע אייזנס האָבן בייז געשיפּעט,
געסמאַליעט מיט רויכיקע, שוואַרצע פלאַמען,
ביז די אַשיקע קנוילן כווישעד
האָבן אים אינגאַנצן פאַרשאָטן
אונטער די בערג פון צייט.

* * *

ער איז געלעגן.
אייביקייטן, צי אַ רעגע?
ער האָט זיך געדרייט, געשאַרט,
געזוכט,
געזוכט זיך אַליין,
און זיך אָן אויפהער פאַרלוירן.
און איבער אים האָבן זיך געטראָגן שטימען,
דאָ ווייטע,
ווי די אָנגעצויגנסטע סטרונע פון געדאַנק,
דאָ נאָנטע,
נענטער ווי דאָס קלאַפּן פון דעם אייגענעם האַרץ.

ערשטער כאָר פון דוימעם

מיר זענען דאָס שוואַרץ פון דער ערד.
מיר ווערן געשטאַרקט און גענערט
פון אירע געפּעטיקטע גרונטן.
דורך אונז ווערט דאָס פליען געשטערט.
מיר ווילן זאָלסט בלייבן נאָר אונטן.

מיר פרעסן דיין ביין און דיין לייב.
אין נעצן פון מאַן און פון ווייב
פאַרשפּינען מיר דיינע כאַלוימעס.
מיר רעדן דיין גייסט איין: פאַרבלייב
אין אונזערע אַרצישע טהוימעס.

מיר פרעסן דיין איטליכן צעל.
מיר בויגן דיין קאָפּ צו דער שוועל,
און זויגן דיין לעבן, וואָס בלענדיק
זיך טראָגט פון דער אור־ערשטער וועל.
מוזט אונזערער זיין שוין אויף שטענדיק.

עס שטעלט זיך דיין יונגשאַפט אומזיסט
אַנטקעגן דער קראַפט, וואָס פאַרוויסט.
מיר קאַרבן דיין פּאָנים מיט עלטער
און לעשן דעם ליכט־אַמעטיסט,
וואָס וואַכט איבער דיר אַ געהעלטער.

מיר רייסן ס׳געוועב פון דיין גוף
ביז ס׳הילכט פון דעם קיווער דער רוף.
מיר נעמען מיט לוים דיך דאַן מישן.
באַזיגט איז שוין ווידער אַ פּרואוו.
מיר ווילן דעם גייסט אויך פאַרווישן.

ערשטער כאָר פון בלענדעניש

גאָלד פון שטראַלן,
בלוי פון לופט.
שוים פון וואַלן,
רופט און רופט.
מיט רעאַלן
ניט פאַרגופט.

זוימען, טירן,
ברעג און ראַנד.
און קאָלירן
אויף אַ וואַנט,
און דאָס פירן
ביז צום לאַנד.

שטערן-שימער,
הימל-צווייט.
גאָלד-געגלימער
ווינקט און ציט.
אַלץ, וואָס אימער
פליט און פליט.

פליט נאָך אויבן —
ניט צו הויך.
ווי די טויבן,
ווי דער רויך.
אויף די שויבן —
אָטעם-הויך.

קום, צוזאַמען
מיט אונז שוועב.
ווייט פון פלאַמען
טרוים און שטרעב.
אין די צאַמען
זיך פאַרוועב.

ערשטער כאָר פון גייסט.

אונזערע ליכטער און אונזערע שיינען
לויכטן מיט ריינקייט, ברענען אָן פיינען,
היילן און לייטערן, הויבן אַרויף.
ווייט פון דעם רויען, צעפּרעסנדן דוימעס,
ווייט פון זיין אָפּשיין, אַריבער די צוימען,
העכער און העכער, ניטאָ שוין קיין סוף.
איבער די צייטן און איבער די רוימען,
איבער דעם ראַנגל פון לוין און פון שטראָף.

דאָ איז דער זין און דאָ זענען די צילן:
דאָ איז די היים פון דיין עמעסן ווילן.
ביזט פון פאַררויכערטע גלעזער פאַרבלענדט.
ס'שרעקט דיך די ריינקייט פון הערליכן פייער.
בענקט דאָך דער פונק צו דער קרוין, דער געטרייער,
וואו אין אַל־וויסן דער שטראַל דיינער ברענט.
ריים נאָר אַראָפּ פון די אויגן דעם שלייער,
שוין נים די שאָטנס, פאַרטרייב און פאַרלענד.

ס׳פירט און פֿאַרפירט דיך פונדרויסן דער שפיגל.
אינוועניק קוק און וועסט זען, ווי דער ריגל
עפנט אַליין זיך און ברענגט אין דעם לאַנד.
רואיק, באַרואיקט און קלאָר ווי אַן אייז־קייט,
קיניגט דער גייסט דאָ מיט עמעם און דרייסטקייט,
קיניגט אָן שליטע פֿאַר דוימעם און ראַנד.
דורכזיכטיק לויכט ער אין אייביקער ווייסקייט,
אייביק פֿאַראייניקט אין געטליכער האַנט.

ערשטער כאָר פון איך

עס דרייט און דרייט דאָס ראָד פון צייט,
אי באַרג, אי טהוים, אי נאָנט, אי ווייט.
און שוואַרץ און הויל אויף יעדער זייט —
פֿאַרווירונג.

עס וואַרפֿט מיט מיר אַן אָפּשטעל, גרינג.
עס שלעפּט די נעץ אַריין מיך פלינק,
מיר דאַכט איך פלי, און פלוצלונג: כ׳זינק —
פֿאַרפירונג.

און קוילעס שניידן טיף און שאַרף,
און רייצן אַלץ: מען מעג, מען דאַרף,
נאָר איינס גיט שטרענג דאָס וואָרט אַ וואַרף:
איך היים ניט.

און וואו איך בין, און וואָס איך בין
און ווער עס שפינט מיך אין געשפין,
און וואָס עס איז פון שטרייט דער זין,
איך ווייס ניט.

איך בוי אַ הויז און ציר די ווענט,
און באַלד זאָג איך: זאָל זיין פאַרלענדט!
און הער זיך איין, ווי רויט עס ברענט
מיין צאָרן.

און איך אויף איך, און אַלץ אין מיר,
אָט איז אַ טיר — אַרויס פון איר!
ביז כ׳בין אַ שוועל פאַר יעדער טיר
געוואָרן.

זאָל זיין! טרעט ווער עס וויל און מעג,
כ׳וועל זיין אַ גלייכגילטיקער וועג,
וואָס איז פון אָנהויב און פון ברעג
דערווייטערט.
און דאָך — אַריבער גאָר דעם שטויב,
קלאַפט שטיל, ווי דורך אַ דיקער שויב
אַ ווייסע האַנט, וואָס גריסט מיך: גלויב —
געלייטערט.

* * *

איז אַ גרויס צעטומלעניש
געקומען אויף אים פון דעם געמיש פון שטימען
האָט ער שטיל געפרעגט,
און זיין געמיט איז געווען געבראָכן,
און זיין גאַווע האָט מיט געליימטע פיס
זיך געוואַלגערט אויף דער ערד:

ווי לאַנג איז דער וועג צו זיך?
וויפל טעג, וויפל יאָרן איז זיין פאַרלאַנג?
און וועלכע היילן זאָל איך אים זוכן?

האָט ער געזען פאַר זיך אַ טפיסע.
שטיין און אייזן, שטיין און אייזן.
דער גרונט האָט זיך פאַרלוירן אין די טיפענישן פון דער ערד,
און דער דאַך — שטאָל אונטער שטאָל.
די טיר, און דאָס לאָך אין וואַנט וואָס האָט געטריבן זון און הימל —
אייזערנע שטאַבעס און פרענטעס.
און אַרום דער טפיסע, אין פיינדליכן געזעמל,
באַוואָפנטע כאַיאָלעס,
מיט בלאַנקע שווערטן,
מיט ביקסן, גרייטע צום שאָס.
ניט צו אַנטלויפן,
ניט צו אַנטרינען.

איז די טפיסע פאַרשוואונדן.
און ער האָט געזען אַ יאַם אין דולן קאַם.
גרין־שוואַרצע מיילער פון דעקלאָזע טהוימעס,
שוימיקע, שיפּעדיקע בערג,
וואָס האָבן מיט הונגעריקע שפּיצן
געלעקט דאָס אַשיקע פּאָנים פון הימל.

ריזיקע שיפן, מיט געפּאַנצערטע לייבער
זענען פון די בייזע אינדן פאַרשלונגען געוואָרן,
גלייך ווי זיי וואָלטן קיינמאָל ניט געווען.

און דער יאַם איז אויך פאַרשוואונדן.
און ער האָט געזען אַ וואַנט פעלזן,
הויכע, גלאַטע, מעשופּעדיקע.
זיי האָבן פאַרצאַמט די וואַרימע שיין פון טאָג,
און דער נאַכט געשטעלט אַ וואָרנענדיקע גרעניץ.
פעלז אָן פעלז האָט זיך געקלאַמערט,
און מיט קיזלדיקער אקשאָנעס
געבאָטן:
ניט ווייטער!

האָט ער מיט אַ צווייפל,
וואָס האָט געזויגן ביים סאַמע קוואַל
פון זיין בלוט,
געפליסטערט:
פאַרוואָר!
דער וועג צו זיך איז שווערער און לענגער,
ווי דורך אַלע צוזאַמען.

אונטערטעניק האָט ער זיך איינגעקאָרטשעט,
און ווידער האָבן די שטימען זיך געטראָגן
איבער אים:

צווייטער כאָר פון דוימעס

דיין ליב איז אי פּלאָץ אי טיר
פאַר אונז, די אין קייטן געשמידטע.
מיר אָטעמען בלויז דורך דער שליטע,
וואָס אונז איז געגעבן אויף דיר.

מיר ווילן דאָס ליכט פון דיין קאָפּ.
ס'איז פייער פאַר אונזערע קייטן.
וואָס טיפער דיין וועזן מיר טייטן,
שמעלצט מער אונזער אייזן זיך אָפּ.

מיר הייסן: פאַרלאַנג! און פאַרלאַנגסט.
מיר מאַכן דאָס ליב דיר אַלץ שווערער.
עס רייצן באַגערן אַלץ מערער.
מיר בייטשן מיט ריטער פון אַנגסט.

מיר רייצן דיין אויער און אויג.
מיר בינדן דיין בראָכע און קלאָלע
מיט בענדער פון אונזער מעמשאָלע.
מיר היטן דיין איטליכן בויג.

מיר וועלן פאַרטויבן דיין רוף,
ביז וועסט שוין ניט וויסן קיין כילעק,
און בעטן זיך וועסטו: פאַרטיליק!
פאַרטיליק די זעל און דעם גוף.

צווייטער כאָר פון בלענדעניש

קום, באַהעפט זיך, זוך דיין רעטונג.
אין אונז זאַטקייט אָן דער זעטונג,
זוך אין אונז דיין טרייסט.

מיר פאַרוויגן דיך אינאיינעם
מיט דיין דראַנג צום קוואַל, דעם ריינעם,
זאָגן דיר: דו ווייסט.

און די טייכן, בלויליך-גרויליך,
פון פאַרגעסונג — שווים פאַרטרויליך.
טראַכט נאָר ניט צופיל.

פלעכט פון פאַרבן שיינע בענדער,
כאָלעם אוים געבענשטע לענדער,
ס׳לעבן איז אַ שפּיל.

אונזער רייך איז שפּילן אייביק,
נאָר באַרויש זיך, נאָר זיי גלייביק.
רעטונג וויל, ניט זין.

דו דורך אונז. און אונזער זאָמען
וואַקסט צונויף זיך מיט דיין נאָמען,
בליט אין איין געשפּין.

קום, באַפּוץ זיך מיט דעם צירונג,
וואָס עס וואַרפט דיר די פאַרפירונג,
וואַרפט און בלענדט און שפּרייט.

דו גיסט אונז די קראַפט צו שפּילן,
ביז מיר זויגן אוים דיין ווילן
שפּילנדיקערהייט.

צווייטער כאָר פון גייסט

כוישעך מיט בלענדעניש, העפקער געקלאַמערט.
דימענט פון עמעס אויף שפּריצן צעהאַמערט.
ביזט ווי אַ פליגל מיט שווערן געוויכט.
ביז ווי איין קאַמער אויף טויזנט געקאַמערט.
יאָגסט פון איין ווינקל צום צווייטן נאָך ליכט,
ביז דו דערקענסט ניט דיין אייגן געזיכט.

דוימעם און בלענדעניש — נאַרנדע היטער.
ווילן באַלויכטן מיט שרעק און מיט ציטער
פון דיין פאַרווירונג די אייגענע נאַכט.
ווילן פאַרטיליקן אַל־דיינע גיטער,
שמידן די שטאַנגען פון גאָר זייער מאַכט
אויף דעם פאַרגיין פון דיין ווילן, וואָס שוואַכט.

האָסטו דיין שעם אויף דער וועלט אָפּגעזיגלט,
האָסטו מיט אומריינעם דראַנג אויך באַפליגלט
קרעפטן פאַרצערנדע, פרעמדע דער רו,
וואו דיין געלייטערטער שוירעש זיך שפּיגלט.
אונטן און טיפער, און נאָך ערגעץ וואו
איז ניט דיין עמעסער, אייגענער דו.

דאָ לויכט דיין רו, אין דעם לאַנד וואו מיר זענען,
מיר זענען דו, און דו דאַרפסט אונז דערקענען.
יענע אָן אונז — נאָר אַ ליידיקער שאַל.
גאָרנישט אָן דיר, נאָר אַ רויכערדיק ברענען.
טרעט זיי אריבער און גיי צו דיין קוואַל.
קנעכט זענען זיי, אָבער דו ביזט דער אַל.

צווייטער כאַר פון איד

אומבאַקאַנט איז די האַנט, וואָס פאַרשפּרייט
איר געגנאָד אויף אַ ווייל און פאַרגייט.
נאָר איך ווייס: ס'איז אין איר דער באַשייד.

אומבאַוואוסט איז די בסורע, וואָס טאַנט
אויף דער אַנדערער זייט האָריזאָנט.
נאָר איך אָן: ס'איז אַ נאָנטער וואָס מאָנט.

האָט געשפּילט זיך דאָס גוטס פון דער פּיין,
האָט געביטן זיך שאָטן מיט שיין,
זאָל איך קנעכט אָדער הערשער דאָ זיין?

טרעפּ אויף טרעפּ, טיר אין טיר, שוועל אויף שוועל.
עס מוז פאַלן די וואַנט און די צעל.
ס'מוז זיך ווייזן מיין עמעס געמעל.

אַ דו האַנט, ניט באַהאַלט זיך אין שייד.
וואָך וואָס לעגנער אויף מיר מיט דיין פרייד.
ברענג מיר ענטפער, געגאַרטן באַשייד.

* * *

און דער ענטפער איז געקומען.
אין אים אַליין האָט ער געשווימט
מיט איבערפליסנדיקער ווארימער ליכטקייט,
און געשטראָמט, אַנגעפילט
יעדע צעל, יעדן קערן פון זיין לייב.

ניט מער געווען קיין באַרג.
פאַרשוואונדן די שאַרבנס.
פאַר אים האָט זיך געשטרעקט אַ ברייטע, לויטערע פלאַך,
וואָס ער אַליין איז געווען איר מיטן,
ער אַליין די זייטן,
דער אָנהויב,
דער סאָף.

נאָך אַמאָל זענען זיינע געשטאַלטן
פאַרבייגעגאַנגען אין אַ שטומער פּראָצעסיע.
ער האָט רואיק באַטראַכט זיי,
אָן אנגסט און אָן כאַראַטע.
אַ שטילער פאָך מיט דער האַנט —
זענען זיי ניט געוואָרן.
פאַרזונקען אין זיקאָרן,
אַ פינטל,
דער אָנהויב,
פון וועלכן ער אַליין איז געווען האַר און קנעטער.
רואיק, גראַד
האָבן זיינע אַקסלען אויפגעהויבן
דעם אומפאַרמיידליכן באַרג
פון אַכראַיעס,
און זיין בליק האָט געהאַלטן שפּאַן מיט דעם געדאַנק
אויף זיין וויטסטן פלי.

ער האָט איצט געוואוסט
פונוואַנען יענע שטים איז געקומען.
ווידער האָט ער זי פאַרנומען.
פון דער טיפעניש פון זיין זעל האָט זי געשטייגט,
געוועזן אַן פורעם,
אַן רויש,
ס'הארץ פון שטים נאָר אַליין.
און די ווערטער זענען אויך געווען —
ס'הארץ פון וואָרט נאָר אַליין.

שטיי אויף!
גיי!
דער גאָרטן ווערט צייטיק פאַר דיר.
קלאַפּ אין דער טיר און זאָג:
איך!

איז נאָך דער צווייפל אין צעריסענע צויטן
דער פרייד נאָכגעהאַנגען.
ער האָט געהערט קלאַנג פון קייטן,
געזען לייב געבונדן
און דערנער אין אָפענע וואונדן.
האָט ער אָנגענומען דאָס באַשערטע.
זיך אויפגעהויבן,
געגאַנגען,
און שטיל געקלאַפּט אין דער טיר.

פּאַביום לינד

פּאַביום לינד וועט מער ניט איבעראַשן
די פריינד מיט זיינע פּעקבט-ניצכוינעם.
פּאַביוסס לינד האָט שוין אויסגעפונען
וויפל שווערטן דורכפּאַל מען דאַרף צעברעכן
איבער'ן אייגענעם קאָפּ,
איבער'ן אייגענעם האַרץ,
ביז מען כאַפּט דעם פליגל פון דעם זיג.
ער ווייס שוין אויך,
אַז דער פליגל איז אַ פאַלשער, שאַרפער מעסער.
אַלע פינגער זיינע
זינגען רויטע אומעטיקע לידער
פון קוים-פאַרהיילטע וואונדן.
פון אַ האַרץ אַ ריינעם — ליכטיק בלוט,
פון אַ מאַרך אַ צאַפּלדיקן — אַנגעשטרענגטע דרימען,
שוועבן איבער די הענט פון פּאַביום לינד,
וויינען אַרוים פון די שניטן.
פּאַביום לינד האָט פיינט געקריגן די מענער,
מיט וועלכע ער דאַרף פירן דעם געפעכט.
יעדער ראַנגל מיט זיי —
בייזער בליאַסק פון ציין און נעגל.
יעדער זיג איבער זיי —

געשריי פון אַן אויסגעהונגערטן שאַקאַל.
ער וועט ציילן הונדערט,
ער וועט ציילן טויזנט,
ביז די ווילדע הינט פון קריג און זיג
וועלן ווערן קליינע ווייסע לעמער ביי זיינע פיס.
פּאַביום לינד בענשט לעצטנס פיל די פרויען.
גאָט-געשיקטע!
זייערע שמאָלע אַקסלען צוקן ביי געפעכטן,
און זייערע ריינע הערצער קאָנען נאָר מיט-טרויערן
און ליבן.